START

CONTROL TEST TARGET
for Kodak Quality Monitoring



Aa Bb Cc Dd Ee Ff Gg Hh Ii Jj Kk Ll Mm Nn Oo Pp Qq Rr Ss Tt Uu Vv Ww Xx Yy Zz

Aa Bb Cc Dd Ee Ff Gg Hh Ii Jj Kk Ll Mm Nn Oo Pp Qq Rr Ss Tt Uu Vv Ww

Note: This target is intended for routine quality control checking and uniformity.
It is not to be used for certification of meeting any ANSI or ISO Standards for image quality requirements.
Note: To record background density, use a blank sheet of white paper.

A-2289 CAT 800 7403 Rev. 2/00 @ Eastman Kodak Company, 2000 Printed in U.S.A.

Document Imaging
EASTMAN KODAK COMPANY
Rochester, New York 14650
1-800-232-8811

DOCUMENT
IMAGING

Permalife
COTTON CONTENT

Microfilmed 2005
By the
Center for Jewish History

For
YIVO Institute
For Jewish Research

NEW YORK, NY

Reproduction may not be made
without permission.

YIDDISH DRAMA

PRESERVATION

PROJECT

YIVO
LIBRARY
REEL
Y-2005-1908.13

Zygielbaum, Faivel.
Getograd : a drame in 3 aktn un 16 bilder.
[Johannesbur, 1945] .

BIBLIOGRAPHIC RECORD TARGET

YIVO INSTITUTE FOR JEWISH RESEARCH

Master negative Storage Number Y-2005- 1908.13

Zygielbaum, Faivel, 1908-
Getograd : a drame in 3 aktn un 16 bilde / fun Fayvl Zyelboym.
[Johannesburg] : Aroysgegebn durkhn Dorem Afrikaner boord of depyutis tsum tsveytn yortog fun oyfsht and in Varshever geto, [1945]
20 p. : ill. ; 24 cm.

1. Warsaw (Poland)--History--Uprising of 1943--Drama. 2. Yiddish drama.--lcsh
I. Gropper, William, 1897- II. Shapshak, René, 1909- III. South Africa-Johannesburg

ID : NXYH01-B18779 CC: 9114 DCF: [HBR]
CALL #: /36583

Reduction ratio X12.0

געטאָגראַד

א דראמע אין 3 אקטן
און 16 בילדער

פון פייוול זינגעלבוים

ציינונג פון :
וויליאם גראָפּער

פּרייז
2/6

[redacted] דעם הייליקן אָנ־ענק פון מיין ברודער,
שמואל מרדכי — ארטור

ארויסגעגעבן דורכן דרום אפריקאנער באארד אַף
דעפּיוטים, צום צווייטן יאָרטאָג פון העלדישן
אויפשטאנד אין ווארשעווער געטאָ.

אָפּעפּרעטער אָפּדרוק פון
„דרום אפריקאנער זאמלבוך"

צו מ. שטיימאַן!
פ. זיגלבוים
יאָהאַנעסבורג

פייוול זיגלבוים

געטאָגראַד

א דראמע אין 3 אַקטן און 16 בילדער

פּערזאָנען:

אַבערסט פאָן־שוויינפּאַרד
מאיאָר
אינספּעקטאָר פאָן־בריק
שטומער אָפיצער (חבר איקס)
לייבל
שלמה
יאַנקל
דוד
אסתר
משוגענער ארטיסט
אלטער ייד
לייזער
רויט־ארמייער
באַן־קאָנדוקטער
מיליטער־מאַן
ציווילער
שטאַמער
לומפּקע
פּאָול
האַנס
קעלנער
יידישער דאָקטאָר
דייטשער דאָקטאָר
קראַנקן־שוועסטער
דייטשן, יידן, יידענעס, קינדער.

אָרט: ווארשעווער געטאָ
צייט: פון יאַנואר ביז מיטן מאי 1943

ערשטער אַקט

בילד 1.

אַ צימער אין דייטשן מיליטערישן שטאַב. אחוץ בילדער פון היטלער א.א. געפינען זיך בילדער פון דער הויפּט־שטאָט ווארשע. אַ מאַפּע.

אין דעם בילד נעמען אנטייל:
אַבערסט
מאיאָר

אבערסט: ה' מאיאָר, האָט איר דורכגעקוקט אלע זיינע פּאַפּירן?

מאיאָר: יא, הער אבערסט, אלץ איז אין דער בעסטער אָרדענונג. לויט זיין בריוו, דאָקו־מענטן און אויסצייכענונגען זעט ער אויס צו זיין איינער פון די יונגע זייער בראווע קעמפער. עס מוז זיין זייער פיינלעך פאר אזאַ העלד ווי ער צו בלייבן אין הינטערלאנד.

אבערסט: אז אַ קויל שפּאַצירט דורך דעם האלדז און מען פארלירט די צונג, איז מען שוין מער קיין העלד נישט.

מאיאָר: גאַנץ ריכטיק, הער אבערסט, אָבער פאר יעדן דורכגעלעכערטן האלדז פון אַ דייטשן, לעכערן מיר אַדורך הונדערטער: יידן, פּאָליאַקן, ענגלענדער, רוסן...

אבערסט: א, אייל זיך נישט, וועגן די רוסן בין איך נישט אזוי זיכער.

מאיאָר: א..— גאַנץ ריכטיק, ה' אבערסט... א.. א... ער איז געווען פון די ערשטע צו טרעטן אויף האלאַנד'ס ערד. צוויי אויסצייכענונגען פאר העלדישע לופט־אָפּעראַציעס.

אבערסט: מאכסט אַ טעות, מיין ליבער, צוויי אויסצייכענונגען פאר אַ דורכגעלעכערטן האלדז און אַ טויטער צונג. אָבער — ס'מאכט נישט, ער וועט בלייבן אַ העלד פון דריטן רייך. הערן הערט ער גוט, רוף אים אריין אהער, מיר וועלן זיך פארשטיין, ער וועט אונדז צוניץ קומען. א, איך בין זייער אומרואיק לעצטנס. צום טייוול! איז אינספּעקטאָר פאָן־בריק היר?

מאיאָר: איין מאָמענט, הער אבערסט.

אבערסט: אַ שאַרלאַטאַן.

מאיאָר: ריכטיק, הער אבערסט.

(פינצטער)

— — —

בילד 2.

דער זעלבער צימער. געפינען זיך:

ה׳ אבערסט, מאיאר, ה׳ אינספעקטאר.

שטומער אפיצער, 2 אפיצערן.

אבערסט: ה׳ אינספעקטאר, איר זעט אוים גוט. געזונט — א מחיה! אייך געפעלט דא, הא? איר שפילט א סך ביליארד, רייט אויף פערד, גייט אויף יאגד, כא־כא־כא... גוט אזוי, דאס באקומט אייך וואויל, הא? איך הער נאר אפט פון אייערע ביליארד און יאגד דערפאלגן הא? אבער די פארברעכער — א נעכטיקער טאג! משוגענער סאבאטאזש — איר שלאפט רואיק, הא? איר האלט א הויכן פאסטן אין דער הויפט־שטאט ווארשע, און איר האט דעם קריג שוין געוואונען? הא?...

אינספעקטאר: ה׳ אבערסט, וואס מיינט איר?

אבערסט: יעדן טאג קומען אן באריכטן פון סאבאטאזש־אקטן, פארברעכנס הינטער אייער נאז, אבער דער הער אינספעקטאר איז פארנומען מיט יאגד און פארוויילונגען, דערפילט זיין פליכט יעדעס מאל מיטן דערשיסן א פאר יידישע קינדער, און דער ה׳ אינספעקטאר איז צופרידן.

אינספעקטאר: ה׳ אבערסט, יענע וואך האב איך אין איין טאג דערשאסן 108 יידישע קינדער. איך האב זיי אליין געציילט, 108, ה׳ אבערסט...

אבערסט: טויזנטער, מיליאנען, יונג און אלט, אפווישן, אויסראטן זיי ביז איינעם, דאס איז דער הייליקער ווילן פון אונדזער מעכטיקן פירער.

אלע: (שטעלן זיך אויף מעכאניש) הייל היטלער!

אבערסט: איר זייט דא דער קאפ פון דער געהיים־פאליציי.

אינספעקטאר: יא, הער אבערסט...

אבערסט: ווייסט איר ווער ס׳גיט ארוים אט די בלעטלעך?

אינספעקטאר: מ... מ... פאר יעדן בלעטל, וואס מיר געפינען, שיסן מיר אוים הונדערטער יידן...

אבערסט: דאס פרייט מיך זייער, ה׳ אינספעקטאר פאן־בריק. אבער אפשר וואלט איר פרובירט באפן די דרוקעריי? דאס איז פאר אייך א צו שווערע זאך, הא? איר האט הונדערטער געסטאפא־לייט צו אייער דינסט. ה׳ אינספעקטאר, צי ווייסט איר אז דער צימער, אין וועלכן מיר געפינען זיך, קען יעדע מינוט אויפגעריסן ווערן? (אומרואיקע באוועגונג) איר שרעקט זיך, הא? איך וויל אייך נישט זידלען און דראען, אבער איר זייט א באנדע פארשטאפטע קעפ! איר באגרייפט נישט אייער אויפגאבע, אייזלען! (טעלעפאן קלינגט) יא, הער אבערסט פאן־שווייןפארד, הא? ווידער א מארד־אנפאל אויף ס.ס.־לייט, וואו? גריצע, אין גריצע? 20 מייל פון ווארשע, יידישע פארטיזאנער דערשאסן דריי ס.ס.־לייט? ווען האט דאס פאסירט? אין מיטן העלן טאג? אזא פארברעכן! וויפיל יידן זיינען דארט פאראן, 8,000? גלייך ארויסשיקן גראב־מאשינען הינטער דער שטאט! די עלטסטע פון דער געמיינדע, א מאן 30, הענגט אויף אין מיטן שטאט, לאזן זיי זיך ווינגן אין דער לופטן פאר דריי טעג, די באפעלקערונג צעטיילט אין פיר גרופן, און אין דריי טעג ארום זאל קיין איין ייד נישט בלייבן. הויבט אן מיט די אלטע, קינדער פון פיר ביז 12 שיקט איבער אהער. דעם פארגעניגן לאז איך איבער פאר אייך, אינספעקטאר פאן־בריק.

אינספעקטאר: (פארנייגט זיך).

לייטענאנט: ה׳ אבערסט! (דערלאנגט אים א טעלעגראמע).

אבערסט: אומדערהערט! פארשטונקענע קעפ, אייזלען! הערט, הערט! פראוואקאציע פון יידישן געלערנטן אין אמעריקע פאראורזאכט פארפלייצונג און פארניכטונג אין רור־געביט. גאנצע שטעט מיט פאבריקן און באפעלקערונג אונטערן וואסער! טויזנטער פרויען און קינדער דערטרונקען, צעשטערט גרויסע לאגערן מיט שפייז און געווער. (ווארפט אוועק דאס פאפיר) אומגלויבלעך! קינדער דייטשע, ארישע קינדער, דערטרונקען אין אונדזער היימלאנד. עס איז משוגע צו ווערן! ראכע! ראכע! וואס גלאצט איר מיט די אויגן! ראכע אן די יידן! פאר די לעצטע 5 מאנאטן זיינען איבער א מיליאן יידן אויסגעראטן געווארן. זיי זיינען נאך דא אין מיליאנען: פון עסטרייך, פראנקרייך, בעלגיע, דייטשלאנד, קומען עשעלאנען מיט יידן אהער. טעמפא, טעמפא, מיינע הערן! די אויסראטונגס־אקציע מוז פארשנעלערט ווערן. די רויטע קאנאנען הערן זיך שוין באלד ביי די טויערן פון ווארשע. די יידן ווערן האפערדיק. סאבאטאזש־אקטן יעדן טאג. מען רייסט אויף באנען מיט געווער צום רוסישן פראנט, שפייז־מאגאזינען. פון רייאוויין, קראסניסטאוו, טראווניקי און אנדערע שטעט קומען כסדר אן ידיעות פון איבערפאלן אויף דייטשע באאמטע, דאס זיינען נשט קיין איינצלנע פאלן, אין דעם שטעקט א סיסטעם, א סיסטעם, וואס ארבעט האנט אין האנט מיט די פוילישע סאציאליסטן אויסערן געטא. באמבע־אויפרייסונגען, שיסערייען אויף דייטשע וואך־לייט אין די גאסן, דאס רופט ארוים א פאניק ביי דער דייטשער באפעלקערונג דא. יעדן טאג ווער איך פארווארפן מיט ביטעס זיי צוריק צו פירן קיין דייטשלאנד. דאס רופט ארוים א כאאס און אומארדנונג אין די שטעט. מיר זיינען דא איינצושטעלן רו און ארדנונג, פארשטאנען?

אלע: (מעכאניש) צום באפעל, ה׳ אבערסט, פארשטאנען!

אבערסט: פארשטארקן די וואך אין געטא.

אלע: (מעכאניש) צום באפעל, ה׳ אבערסט!

אבערסט: פארשנעלערן דעם טעמפא פון אויסראטונג. עס שטייען צו אייער דיספאזיציע ספעציעל אויפגעבויטע פייניקונגס־לאגערן, גאז־קאמערן, ברען־אויוונס, געבויט לויט די לעצטע דערגרייכונגען פון אונדזער וויסנשאפט. טעמפא, טעמפא, מיינע הערן! אויסראטן די יידן! דאס איז דער פעסטער און אייזערנער ווילן פון אונדזער פירער.

אלע: הייל היטלער!

אבערסט: טעמפא, צום טייוול, טעמפא!

(פינצטער)

— — —

בילד 3.

סימולטאנער שפיל. די בינע פארטיילט אין צוויי. פון איין זייט חבר איקס, אין זעלבן אפיצערן־מונדיר, ביים ראדיא. פון צווייטן זייט — א קעלער־שטוב אין געטא. ארום א קעסטל אויף וועלכן סישטייט א געהיימער ראדיא־אפאראט זיצן און שטייען מענער, פרויען, איינער ביים ראדיא.

סיגעפינען זיך: — לייבל, ר׳ שלמה, דוד, יאנקל, אסתר, אלטע פרוי.

געהיימע סיגנאלן: טא־טא־טא־טא.. פונקען־עפעקטן פון ראדיא.

חבר איקס: (אין ווינקל) וו.ג.ד. 971. אכטונג, אכטונג! (לייבל פארשרייבט). גרעסערע פארשווערונגען וועלן פארקומען גאר ניך. היט אוים די קינדער. פליטים ווערן געשיקט אין געטא. איך בין אין קאנטאקט מיט „שוויט". ענדלעך—געווער וועט קומען! און דערמיט — נקמה! גריצע איז אדורך גלאט. דריי אוועקגעלייגט, איך וועל דארט זיין. זייט מוטיק. האלט אוים! פאר אונדזערע לעבנס וועלן זיי טייער באצאלן!

(חבר איקס ארטיקולירט מיטן מויל, אבער קיין קלאנג הערט זיך ניט).

לייבל: האלא האלא, כ׳הער נישט, כ׳בין

איבערגעריסן, וואס זאל עס זיין? רבקה, איז די באטעריע טויט?

רבקה: (פרובירט די באטעריע) אלע דראטן זיינען ריכטיק פארבונדן. די באטעריע איז אין ארדנונג. ס׳מוז זיין א שטערונג פון דרויסן.

חבר איקס: אכטונג, אכטונג, זיי שנאפן אונדז, כ׳וועל זיך ווייטער מיט אייך פארבינדן. נאך איין ווארט. נקמה! גיט איבער אין אלע ראיאנען: קיין איין ייד זאל נישט שטארבן אן נקמה!

(פינצטער אין איין זייט בינע)

(אן אלטע פרוי כליפעט)

שלמה: וויין נישט, אלטע, אויב דו גלויבסט אין קללות, שילט, שילט זיי... וועט דיר לייכטער ווערן. איך גלויב נאר אין איין זאך: נקמה. האסט געהערט? איך שווער ביי גאט, אז אן נקמה וועלן זיי מיך אין קבר נישט פירן. לייבל, זיי מוזן אונדז געבן געווער. זיי מוזן. זאלן זיי ריזיקירן 20-10 א טאג. א טייל וועלן זיך דורכרייסן. מיר קומען אום אין די הונדערטער יעדן טאג. און אט גרייט מען זיך אונדז אויסצושעכטן אין טויזנטער, אין מיליאנען!

לייבל: רב שלמה, בארואיקט זיך, פארגעסט נישט: איין זאך איז אונדז געבליבן — שטארקן זיך און האפן. איר זייט דאך א פרומער ייד. פארלירט נישט דעם בטחון. אודאי זייט איר גערעכט. ס׳איז נאריש צו פארמאכן די אויגן. מיר אלע פארשטייען, וואס עס מיינט (ווייזט אויפן פאפיר) מיר זיינען אלע, אלע אן אויסנאם, פארמשפט צום טויט! מיט יעדן צי פון אטעם ווערט עס קלערער פאר אונדז. אבער, רב שלמה, געווער וועט זיכער קומען, און מיט דעם — נקמה! אונדזער הייליקע שבועה: קיין איין ייד זאל נישט שטארבן אן נקמה! איך וועל זיך פארבינדן מיט אלע געגנטן און זיי איבערגעבן אונדזער שבועה.

יאנקל: (געהיימער צייכן. אסתר עפנט א טירל אין דיל) כ׳האב באריכטן פון די איבעריקע פארזאמלונגען. די פרויען קענען שוין מער נישט צוזען דעם צער פון די קינדער. זיי זיינען פארצווייפלט. אין סמאטשער געגנט מארדן די דייטשן אוים אלע קינדער. א סך מאמעס זיינען ארופ פון זינען. אנדערע זיינען באנאנגען זעלבסט־מארד. אין שליסקער ראיאן זיינען אלע מענער זיך גרייט אנטקעגנצושטעלן. זיי פאדערן פון אונדז איין זאך: געווער.

רב שלמה: געווער, געווער.

יאנקל: מיר מוזן אן אויפהער אפעלירן צו

די יידן פון דער וועלט. מיר קענען נאָר מקריב זיין אונדזערע לעבנס. אָבער זיי דאָרט קענען דאָך ווייניקסטנס מער טאָן אונדז צו העלפן. נקמה נעמען! היטלער מיינט דאָך זיי אויך.

דוד: אָבער מיר האָבן דאָס אומגליק צו זיין דאָ, און זיי דאָס גליק צו זיין דאָרט.

רב שלמה: מן הסתם קענען זיי נישט העלפן, יידן זיינען בני רחמנים.

יאנקל: דאָס העלפט אונדז גאָרנישט. אלע זיינען מיר גרייט צו שטארבן, אָבער ווי מענטשן, נישט ווי מייז. לייבל, טרעט נישט אָפּ פון ראדיא!

לייבל: בארואיק זיך, יאנקל. כ׳פיל דיין געמיט. דאָ האָב איך אינסטרוקציעס פון חבר איקס. לייען (גיט אים דעם צעטל).

יאנקל: ס׳ווערט ערגער. מיר קענען איצט קיין סך צייט נישט פארלירן. מיר מוזן שטארקער אפעלירן צו דער אויסערלעכער וועלט. אויב זיי קענען אונדז נישט העלפן מיט געווער, זאָלן זיי מאָרדן דייטשן וואו זיי האָבן זיי: ענגלאנד, אמעריקע, אפריקע. זיי קעמפן דאָך פאר יושר, צי דען גייען אונדזערע קינדער נישט אריין אין חשבון? זאָלן זיי פארמשפטן צום טויט דייטשן אלס נקמה פאר אונדז, אפשר וועט דאָס ווירקן.

לייבל: היינט האָב איך גערעדט צום „שוויט" זיי זאָלן איבערגעבן חבר ארטור אין לאָנדאָן וועגן אונדזער לאגע. זיי ווייסן אז ער ליגט אין וועלטן, אָבער ער איז ווי א געבונדענער לייב אין א שטייג.

רב שלמה: יא, ס׳איז א קול קורא במדבר.

דוד: אז די וועלט גלויבט נישט. פונעם לעצטן בריוו ארטורס קען מען דאָס לייכט פארשטיין. קיינער קען נישט גלויבן, אז דאָס אלץ קען זיין ריכטיק. היסטערישע האלוצינאציעס — ענטפערט מען אים אין די קאבינעטן. אין קריג נוצט מען נישט קיין גיפט־גאַז. אָבער אונדז סמ׳ט מען אויס מיט גאַז. די דייטשע באפעלקערונג באקומט פארציעס זייף, וואָס מ׳מאכט פון אונדזערע קערפערס. העכסטנס וואָס זיי גלויבן דאָרטן איז אז מען האלט אונדז אין קאָנצענטראציע לאגערן, אז מ׳שיקט אונדז אויף שווערע ארבעטן, אז מיר הונגערן. אָבער אז מ׳צערייסט אונדזערע קינדער אויף העלפט פאר די מאמעס אויגן, אז מ׳סמט אונדז מיט גאַז און מ׳ברענט אונדז לעבעדיקע, אז מ׳צעשניידט קראנקע אין שפיטעלער אויף די בעטן (אלטע ווײנט) און אז מ׳שארפט דאָס מעסער ס׳זאָל גיכער שניידן... לייבל, טרעט נישט אָפּ פון ראדיא!

(ס׳הערן זיך רעוואלווער־שאָסן, ארויספאלנדיקע שויבן און יינגלשער געלעכטער).

אסתר: (ביים פענצטער) דייטשע יונגט לערנט זיך שיסן אין די פענצטער.

לייבל: (זייער פארביטערט) יאנקל, נעם דעם ראדיא.

יאנקל: אכטונג, אכטונג, „שוויט" פוילישער גע׳היים ראדיא! אכטונג, טא. טא, טא. טא. „שוויט" איר הערט מיך!! אכטונג, אכטונג! אלאַרמירט די וועלט, מען גרייט זיך צו פארשנעלערן אונדזער פארניכטונג. אויב הילף זאָל נישט קומען גלייך, וועט נישט זיין וועמען צו ראטעווען. האלא, האלא! אכטונג! איר הערט מיך? כ׳בין איבערגעריסן. האלא! אלאַרמירט די וועלט, האלא, האלא! (אין אויפרעקונג) כ׳קען מער נישט זיצן ביים ראדיא.

לייבל: (כאפּט אים אונטער) דיסציפלין, יאנקל, דיסציפלין!

יאנקל: (ווילד) דיסציפלין!! ווי לאנג נאָך דיסציפלין?... אכטונג, חברים!

לייבל: דעם אפאראט!!!! (כאפּט דעם אפאראט פון זיינע הענט. יאנקל פאלט אין אָנמאכט אין לייבלס הענט. לייבל כאפּט אים פארן מויל, גיט אים וואסער. היסטערישער געוויין. יאנקל כליפּעט. פרויען בארואיקן אים).

פרוי: וואָס איז דער חידוש. דריי יאָר ווי מיר לעבן אין דעם גיהנום. קרענק, משוגעת, הונגער, טויט, אין יעדן הויז. איז א וואונדער?

רב שלמה: לאָזט מיך! (כאפּט דעם ראדיא) מ׳שעכט אונדז אויס! מ׳קוילעט אונדזערע קינדער! אויב מענטשן הערן אונדז נישט, מוזטו, גאָט, אונדז הערן. ביסט דאָך אַן אל רחום וחנון!

לייבל: (כאפּט ארויס דעם ראדיא פון זיינע הענט) נענוג! אויף וואָס ווארטן מיר? אויף געווער, און אויב מיר וועלן פארלירן די קעפּ, וועלן מיר שוין קיין געווער אויך ניט דארפן. די איינציקע זאַך וואָס ס׳בלייבט אונדז, איז זיך שטארקן. כ׳ווייס — ס׳איז שווער. אָבער מוט און גלויבן, דאָס האָט אונדז געגעבן כוחות די גאנצע דריי יאָר אויסצוהאלטן. און דו, יאנקל, האָסט זיך געלאָזט צופיל פארכלינען פון אונדזערע צרות. מיר האָבן אלע געזען אונדזערע קינדער געשאכטענע, אונדזערע ווייבער געשענדעטע און געמאָרדעטע. איז וואָס? ! זאָלן מיר זיך אויסרייסן די אויגן פון קאָפּ? !— וואָס מער צרות, וואָס מער טויט צווישן אונדז, מער מוט און מער דורשט פאר נקמה. נקמה איז אונדזער דעוויז, און אויב מיר וועלן זיין שטארק גענוג, וועלן מיר דאָס דערלעבן, לכל הפחות פאר אונדזער טויט. אַט דאָס דארף ווערן דער הייליקער געבאט אונדזערער אין דער מראנישער שעה.

יאנקל: (שטעלט זיך אויף באהערשט, גייט צו צו לייבלען, לענט אָן זיין קאָפּ).

לייבל: איך פארשטיי, מיר זיינען דיר מוחל. נו, גענוג. דערווייל דארפן מיר באטראכטן אונדזער פלאַן. האָסט די כלים?

דוד: יא.

לייבל: אין צוויי שעה ארום גייט ארויס די דייטשע וואך. דו, אסתר, טייער מידל מיינס, געדענק: דזשעלנע 9... די קליידער וועלן אודאי זיין פארבלוטיקט, די העלמעטס און געווער וועלן מיר נעמען. איז אלץ קלאָר? (באוועגונג, נעמט ארום אסתרן) נו, מיין טייערע, פּוץ זיך אויס... (געזעגענונגס סצענע).

רב שלמה: איך גיי מיט?

לייבל: איר ווארט אויף אונדז אין נומער 7. איר וועט זיין דער קברן.

רב שלמה: (דריקט זיין האנט) מיט הצלחה! (אלטע צעוויינט זיך).

(פינצטער)

— — —

בילד 4.

איין טייל בינע איז דער טויער. דער גרעסערער טייל איז טיף אין געטא־גאַס. קאָנטורן פון האלבחרובע בלאָקן. אין דער שטילקייט הערן זיך זעלטענערישע לאנגזאמע טריט, אויסגעמישט מיט געלעכטער. פון ווייטער דיסטאנץ פארשייטער פרויעןגעזאַנג. צוויי סילועטן פון דייטשע וואכלייט שטעלן זיך אָפּ אין דער טיף פון בינע, פאלגן נאָך די טריט און געזאַנג פון דער פרוי.

ערשטער דייטש: איז דאָס א חלום אָדער וואָר? (הערן זיך איין).

צווייטער דייטש: וואָס איז? וואָס מיינסטו?

ערשטער דייטש: הערסט נישט? ש.ש.ש. זי מוז זיין א שיינע. אודאי הונגעריק. כע.כע קום!

צווייטער דייטש: אָבער דאָ קענען דאָך קיין אנדערע נישט זיין ווי יידישע!

ערשטער דייטש: איז וואָס? די תאווה וויל נישט וויסן פון קיין ראַסן־טעאריע. און צווייטנס ווען מיר זיינען מיט איר פארטיק, איז אויב זי איז א זייער גוטע נקבה, וועל איך דיך לאָזן נאכאמאָל, און דו מיך, און אויב נאָכן ערשטן מאָל — זי טויג נישט, פארנוץ איך נאָר איין קויל. ס׳שאַט נישט, איין קויל איז א נקבה, אפילו א יידישע, אויך ווערט.

צווייטער דייטש: א, זעט אויס גוט. צום טייוול, פרויען בלייבן פרויען! איך וועל זיין דער ערשטער. זי האָט זיך אָפּגעשטעלט. א מכשפה. זינגט און רירט זיך נישט פון אָרט. קום לאָמיר זי באגעגענען, אָבער איך גיי דער ערשטער...

ערשטער דייטש: פארוואָס דו? איך בין עלטער פון דיר.

צווייטער דייטש: אָבער איך בין א גרעסערער מבין פון דיר. האָסט פארגעסן?... כא.א.כא. וואָס שפּאצירט א שיין מידל אליין ביינאכט, שרעקסט זיך נים? דאָ זיינען דאָ צופיל גייסטער.

אסתר: (לאכנדיק) איך שרעק זיך ניט פאר קיין גייסטער, און פאר לעבעדיקע שיינע מענער אודאי נישט... (ברומט א ניגון) נו ווילסט זיך אמוזירן?

צווייטער דייטש: (קושט זי) א... (ערשטער דייטש שטופּט אים אָפּ. קושט זי. ביידע אמפּערן זיך. זי נאַרט זיי ביזן טויער. צווייטער דייטש, אָפּשטויסנדיק דעם ערשטן, גייט אריין מיט איר אין טויער. אסתר טוט א הוסט. אין דעם מאָמענט ווערט ער באפאלן און שטיל דערהרגעט).

אסתר: (האלט אים פארן מויל) פאר אונדזער בלוט! (זיי שלעפּן אים אָן א זייט. די גאנצע צייט שטייט דער ערשטער אומגעדולדיק).

ערשטער דייטש: אָט א טייוול, קען זיך ניט אָפּרייסן פון דער הור.

(אסתר גלייכט זיך אויס. ברומענדיק א לידל, קומט צוריק ארוים. לאכט).

אסתר: א היציקער ער איז, נישט ווי די פוילישע מענער אָבער א קארגער, איין זלאָטע מיר געגעבן, מיר צוגעזאָגט מאָרגן ברענגען ברויט און שאקאלאד.

ערשטער דייטש: קום... קום...

(ווי נאָר זיי קומען אין טויער, פינצטער)

— — —

בילד 5.

אין א געטא־הויף. אין הינטערגרונט, דורך אַן אָפענעם טויער, זעען זיך הענגענדיקע אויף תליות איבערן גאנצן הויף. מענער, פרויען און קינדער, ווי שאָטנס און שמאטעס. הונגער און משוגעת אין אלעמענס אויגן. אין מיטן בינע ליגט א טויטער קערפּער. אויף א טרעפּל זיצט א משוגענער ארטיסט און רעדט צו זיך. לאכט.

אַ מיידעלע: (קומט ארויף, וויינט) זיי ווילן מיר נישט געבן קיין וואסער. ס'איז מיט סם. (וויינט).

מאמע: (מיט אַן אָפּן אויסגעטריקנט האַרץ. האלט אַן עופה'לע אין די הענט. טוט אַ קוק אויפן קינד) מען דאַרף שוין נישט... (ליגט אוועק דאָס קינד אויף ד'ערד) מ'דאַרף שוין נישט...— (שלייכט אָפּ).

משוגענער: (נעמט דאָס קינד אויף די הענט) עופה'לע מיינס, ווי קאַלט דו ביסט, פּונקט ווי רב איטשע. (די פרוי שלייכט צו צו אים. נעמט צו דאָס קינד. גייט ארוים. משוגענער זעצט זיך. באַוועגונג, ווי ער וואָלט געהאַט קינדער ארום זיך) אַ שיין לידעלע, הא? נו, נאכאמאָל (זינגט).

הינטער די בוימעלעך, הינטער די גריניִנקע
זיצט זיך מיין משהלע און טראַכט, אין
אַ וואונדער שיינער נאכט
לאַנגזאם בלאָזט אַ ווינטעלע, לאַנגזאם בלאָזט
אַ ווינטעלע
הו, הו, הו, הו, הו, הו...

א, ווי די הערעלעך פאלן דיר איבערן פּנימל, קום אהער, דער טאטע וועט דיך צוקעמען. אט אזוי! גיטל, גיטל, זע נאָר די גלעקעלעך אויף זיין שטערנדל. א, אַ געזונט דיר, משהלע. וועסט אויפוואַקסן, זיין אַן אַקטיאָר, ווי דער טאטע, אַן אקטיאָר מיט פייער מיט ברען. וועסט שטיין אויף דער בינע, און הונדערטער אויגן וועלן גלאנצן אויף דיר מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם. און דו, משהלע, דו וועסט זיין דער קעניג איבער זיי, דער קעניג איבער זייערע הערצער און געפילן. א, כא.כא.כא... ווי גוט דאָס איז! און נאָכן אקט — פאלט דער פאַרהאַנג, — און אַן אַפּלאָדז וואָס צעגייט זיך ווי באַלזאם אין די בלוטן. בראַוואָ!!! בראַוואָ!!! (לויפט ארום פּאַטשנדיק מיט די הענט, פאלט איבערן טויטן קערפּער) א, פּאַרדאָן! הער קרינסקי, כא־כא־כא... הער קרינסקי, ס'האָט דיר ניט געהאָלפן, כאָטש האָסט אונדז פיינט געהאַט און מיט יידן זיך נישט געמישט. דער משומד איגנאַצי קרינסקי פון אלעיע יעראָזאָלימסקי ליגט אַ דערשאָסענער אין פאַרשטונקענעם געטאָ, און אַ יידישער אקטיאָר מאַכט איבער אים אַ הספד. ליג גלייך, ריר זיך נישט! (אין אַ רעטשיטאַטיוו):

האָסט געלעבט ווי אַ פּריץ, זיך געבלאָזן און געהאַלטן גרוים, איז געקומען דער מטורף, דיר ארייגעלאָזן אַ קנײדל, איז פון דיר די גאנצע גאווה ארוים. פון אַ קריסטלעך לייב ביסטו ארוים, מיט אַ בלאַנדן קאָפּ, געזונט און שיין, און איצטער מיט זשידעם גלייך וועסטו אַן אַ טרונע אין קבר גיין. (לאכט).

נאָך אַ טויטן לאכט מען? ביי אַ הספד דאַרף מען דאָך וויינען! (געלעכטער און געוויין) איך לאַך און וויין, לאַך און וויין, ס'איז אַלץ איינס (זינגט).

איינס, צוויי, דריי, איינס צוויי דריי
(טאַנצט, פריער מיט די הענט)
צימבל איך אזוי, צו דעם הימל בלוי,
טאַנץ איך אָט אזוי, טאַנץ איך אָט אזוי,
(זינגט און טאַנצט אַלץ ניכער, ווילדער)

(אינם טאַנץ שפּרינגט ארויף אויפן טויטן קערפּער. לאכט ווילד. מיט אַ באַוועגונג פון אַ בינע־העלד).

איך שטיי אויף אַ פּעדעסטאַל געבויט פון נשמות, און איך לאַך פון אַלע ניהנומס (אַ מעפיס־טאָפעלישער געלעכטער) ש.ש.ש.ש. פון וועלכער ראָל איז דאָס, הא? און וועלכער פּיעסע שטייט דאָס? וועלכער דיכטער האָט דאָס געשריבן? דאָסטאָיעווסקי? ניין, וועלכער?... (פּויזע) כ'געדענק נישט, ניין. מיין קאָפּ איז אויסגעשפּילט. כ'האָב אים איבערגעלאָזן אין גרוב, ווי צו אים (וואַכט אויף) כ'ווייס! כ'ווייס! ס'איז מיין פּרעמיערע נאכט היינט, מיין נייע ראָל, מיין שענסטע קרעאַציע (שפּרינגט אויפן קערפּער) איך שטיי אויף אַ פּעדעסטאַל געבויט פון נשמות, און איך לאַך פון אַלע גיהנומס... (לאכט) אַלץ, וואָס איר ווייסט, איז נישט אמת, ווייל די פּאַלאַצן פון אמת זיינען שקר. קום, שוועסטער! נענוג שבעה זיצן, דיינע קינדער וועלן מוזן וואַרטן אויף תחית המתים, היינט זיצט מען שבעה אָט אזוי (כאַפּט אַן אַ פרוי, שלעפּט זי טאַנצן). היינט טאַנצט מען שבעה אָט אזוי (זינגט).

איינס צוויי דריי, איינס צוויי דריי,
שווארצער מלאך קוש דיין זון,
שווארצער מלאך איז דאָ דאָ,
ארומגערינגלט ווי אַ רינג,
טאַנץ זשע שוועסטער, שפּיל און זינג,
איינס, צוויי, דריי!
(פרוי רייסט זיך ארוים)

פרוי: משוגענער קאָפּ, אַ טאַנצעניש אויף אים, אַ גדולה האָט אים געטראָפן, ווי צו אים, אמער וואָלסטו בעסער געבליבן פוילן אין קבר, צוגלייך מיט אלע אנדערע.

משוגענער: (לאכט) זעסטו דאָך, שוועסטער, בין איך פון קבר ארוים, פון דער תליה אראָפּגע־פאלן, כדי מיין ראָל צו שפּילן... (זינגט)

הא — — —
ברודער אלטער, טאַנץ אין רעדל
קום, קום אין ראָד אריין
און דו, מיין שיין, געשענדעט מיידל,
לאָך מיט גאל, פריילעך זאָל זיין
(טאַנצט מיטן אלטן).

אלטער: (פריילעך) נענוג שוין, נענוג (פאלט אין אָנמאכט)

געשרייען: וואסער, וואסער... זע, משוגע־נער, האָסט דאָך אים געממיתט.

משוגענער: (דריקט אים די שלייפן) באַלד, באַלד שטיי אויף, ברודער, אומזיסט דיין שטאַרבן. כ'וועל דיר קיין הספד נישט מאכן, אַ הספד מאַך איך נאָר נאָך אַ משומד. נו, נו, ריר זיך, שטיי אויף!

אלטער: (קומט צו זיך, באַוועגט זיך) אַ גאָט, גאָט, אַ דאנק דיר. טאַנץ מיט מיר נאָך. אפשר וועט עס העלפן. מיין האַרץ איז מיר אויס־געטריקנט, כ'האָב געמיינט ס'איז שוין מיין סוף. אַ שאד, אַ שאד. טאַנץ מיט מיר, ס'איז גוט צו שטאַרבן טאַנצנדיק. (שטרעקט די הענט) טאַנץ מיט מיר, טאַנץ מיט מיר!

משוגענער: טאַנצט מיט מיר, זינגט מיט מיר, און אזוי גייען מיר, זינגענדיק און טאַנצנדיק, גייען מיר, מיר גרויסע, גרויסע יידן, די נשמות פלאַקערן, פאר אונדז וואלקן שפּאַלטן זיך, הימלען פראַלן די טויערן אויף, צום כסא הכבוד שווימען מיר צו, און מיר בעטן נישט, און מיר בעטלען נישט, גרויסע שטאָלצע יידן זיינען מיר. און מיר שטעלן זיך אוועק און מיר זאָגן אים: לענגער וואַרטן נישט געקאָנט!!!

(שיסערייען און קולות הערן זיך. אלע צע־לויפן זיך. משוגענער זינגט אָן איבערריים)

שיר השירים זינגען מיר, ישקני מנשיקות פיהו, כי טובים דודיך מיין.

(יאנקל לויפט אריין מיט אַ פּעקל, וואַרפט עס אריין דורך אַ פענצטער, רייסט ארונטער זיין מאַסקע און רעקל, לויפט צו צום משוגענעם, מאַכט העוויות)

כ'ווייס, יאַ, איך ווייס! כ'געדיינק — די גאָלדענע קייט פּרץ'עס. רב שלמהלע, דער גרויסער צדיק רב שלמהלע, ער האָט זיך איינגעשפּאַרט — שבת זאָל זיין, ווייל ער שבת!!! (זינגט טאַנצט, יאנקל מיט אים) שבת, שבת, שבת, שבת קודש... (עס לויפן אריין צוויי דייטשן מיט רעוואָלווערן אין די הענט).

1־טער דייטש: שווייגן! שווייגן! (זיי לייגן קיין אכט. זינגען און טאַנצן נאָך עקסטאַטישער).

2־טער דייטש: (טוט זיי אַ שליידער) א, דער דומער שווישפּילער! און ווער איז דער?

משוגענער: דומער שווישפּילער נומער 2, הער גענעראַל! (דייטשן לאכן).

2־טער דייטש: דער איז דער קאָמיקער דעם יודנטומס, באַגלייט זיי מיט געזאַנג צום טויט, טאַנצט איבער זייערע קערפּערס. מיר גלויבן ער איז אַ נייכט. שוין צוויי מאָל געשאָסן געווען, און געהאַנגען אויך, אזוי ווי די (ווייזט אויף די תליות) און שטענדיק האָט מען אים געפונען צוריק דאָ אַ לוסטיקן. אים וועט דער טייוול אליין מוזן נעמען!

משוגענער: דער טייוול, ווער איז דער טייוול?

יאנקל: (נאָך העכער) ווער איז דער טייוול?

1־טער דייטש: דער טייוול איז דער יידישער גאָט (לאכן). און ווער זאָגסטו איז דער טייוול?

(אין דעם מאָמענט באַווייזט זיך אַ דייטש אין טויער).

משוגענער: היטלער הייל! (באַוועגט די האַנט).

דייטשן: (דערזען דעם דייטש. מעכאַניש מיט די הענט) הייל היטלער! (לויפן ארוים) (משו־גענער און יאנקל לאכן).

יאנקל: א, וואָס וואָלטן מיר דאָ געטאָן אָן דיר!... (גייט אריין אין צימער דורך די טרעפּלעך).

משוגענער: אָן מיר וואָלט געווען איין משו־גענער ווייניקער.

(דורכן פענצטער הערט מען ווי יאנקל דער־ציילט)—

יאנקלס שטימע: דער טייוול איז הייל היטלער.

אלטער: (קומט ארוים) ווי יאנקל דערציילט, ביסטו נאָר ניט קיין משוגענער. זאָג מיר, ביסט טאַקע אויפגעשטאַנען תחית המתים?

(אכתר קומט דורך די טרעפּלעך, גייט צו צום טויער אויף וואך. יאנקל שטעקט ארוים דעם קאָפּ דורכן פענצטער. גיט ציייכנס).

משוגענער: מ'האָט אונז אויסגעשטעלט ביי אַ לאַנגן גרוב. נעבן מיר איז געשטאַנען איטשע דער קצב. יאַ, כ'געדענק — איטשע דער קצב. ער האָט געזאָגט ודוי, כ'געדיינק ווי ער האָט זיך

געקלאפּט אין טרוקענעם הארצן אריין, אַ שוואַרצער מלאך האָט אַ פּאַכע געטאָן, פּוי, פּוי, פּוי, און דאָ נעבן מיר — אַ פּייף, פּ.פּ.פּ... כ'זע יידן שפּרינגען אין קבר. כאַפּ איך אָן איטשען ביי דער פּאָלע, און מיר פליען אריין צוזאמען. ליגן מיר, קרעכצעט ער. — קרעכצעט ניט, איטשע, דאנקען גאָט דערפאַר, הא־הא, יאָ, און כ'בין איינגעשלאָפן. אַ זיסער חלום האָט מיך פאַרשכורט. כ'האָב געחלומט, אַז איך האָב פליגל, און כ'פלי דורכן גיהנום גלייך אין גן־עדן אריין. ערשט ביים טויער פון גן־עדן שטייט ר' איטשע און לאָזט מיר נישט אריין. כאַפּ איך אים אָן פאַר דער האַנט, זיין האַנט איז קאַלט... מיינע איז וואַרעם, וואַרעם, לעבעדיק. דער פּולס שלאָגט, אַ שווערע משא ליגט אויף מיר, כ'הויב זי אָן אַראָפּוואַרפן פון זיך — יידן און ערד! איר הערט? יידן, בלוט און ערד. כ'שווער ביי מיין משהלען! טויטע יידן און ערד ליגן אויף מיר. כ'שאָקל זיך אָפּ און כ'פיל — אַ ווינטל גלעט מיך. כ'בין נאָך איינגעגראָבן אין קבר. דערזע איך דעם הימל. איך האָב ליב דעם הימל, ער איז שוואַרץ, פינצטער... (פּויזע) רב איטשע, זייט מיר מוחל. כ'מוז אייך איבערלאָזן אין גן־עדן און לויפן צוריק אין גיהנום אריין. (פּויזע) נאָר כ'האָב עפּעס איבערגעלאָזן אין קבר, כ'ווייס ניט וואָס... די ערד איז געווען שטיל, שטיל. דער הימל שוואַרץ ש.ש.ש. (פּויזע. אַלטער שלייכט אַרויס).

אַ דו ערד, האָסט מיך אַרויסגעלאָזט פון
דיינע ציין,
ביסט געבליבן ווי אייביק, שטיל שטיל,
ווי אַ שטיין.

אַלטער: (קומט צוריק מיט ברויט אין האַנט) נאַ, עס. איך וועל דיר יעדעם פּיצל אוועקגעבן. איך דאַרף שוין גאָרניט... דו מוזט לעבן... גאָטס השגחה איז איבער דיר.

משוגענער: (עסט) אפשר איז דאָס ברויט דער מאַרך פון מיין קינד (נעמט אַרויס דעם ביסן פון מויל. דאָס איבעריקע ליגט אין טאַש. גייט צו, ציילט די תליות).

אסתר: קום אהער, שטיי דאָ, לאָז צורו די טויטע. שטיי מיט מיר (קוקט זיך אַרום, גיט אַ צייכן צום פענצטער. יאַנקל און דוד קומען אַרויס מיט צייטונגען איינגעוויקלט אין שמאַטעס).

יאַנקל: פריי?

אסתר: איין מינוט (גייט אַרויס).

יאַנקל: האָסט אַ רעוואָלווער?

דוד: ניין, איך וועל ערשט קריגן געווער אין דריי טעג אַרום.

יאַנקל: יאָ, כ'האָב פאַרגעסן (פּויזע) נאַ נעם מיינעם, איך וועל זיך אַן עצה געבן. קענסט די דורכגענג? (ווייזט אים אַ געצייכנטע מאַפּע).

אסתר: (האַסטיק) מ'שנאַפּט (אַלע לויפן אַרויס, עס בלייבט דער משוגענער).

(אַ דייטש מיט צוויי יידן קומען אַריין. יידן טראָגן אַן אָרון).

דייטש: דעם נעם צו (ווייזט אויפן טויטן קערפּער). די זאָלן נאָך הענגען, ס'מאַכט אַ שיין בילד. און דער אַמוזירט זיך, כאַ. כאַ. כאַ!

(יידן נעמען דעם טויטן, ווילן גיין).

משוגענער: וואַרט! (פאַרהאַלט זיי. טוט אויס דעם טויטן דאָס רעקל, טוט עס זיך אָן) אַ שיינער סורדוט, הער קרינסקי פון אַלעיע יערוזאַלימסקי. (דייטש לאַכט, יידן אָפּ) איך בין הער קרינסקי, נאָר אַ לעבעדיקער!

אסתר, יאַנקל, דוד, (ווייזן זיך) משוגענער, משוגענער, ווייט? (משוגענער ווינקט ווייט) (אסתר גייט אַרויס אַליין. יאַנקל ווייזט דודן דעם פּלאַן).

יאַנקל: פון דאַנען וועסטו זיך כאַפּן דורך לעשנע, סאָלנע, פאַרביי די האַלעס צו קראָכמאַלנע. אויפן פּלעצל וועלן וואַרטן חברים, דורכן טונעל וועט איר קומען צום קעלער, דאָרט וועט איר דאָס איבערגעבן דעם פּוילישן חבר. זאָגט אים אומבאַדינגט צו שיקן קיין אויסלאַנד, וואָס מערער, אָן דעם הענגט אָפּ אַ סך. איך גיי אויף מוראַנאָוו. מיר וועלן צוריקקומען מאָרגן אָוונט.

דוד: אויב מיר...

אסתר: (קומט צוריק) גיך. די גאַס איז פריי. מיט גליק.

(יאַנקל, דוד געזעגענען זיך מיט אַנדערע. אסתר, משוגענער בלייבן שטיין אין טויער).

(לאַנגזאַם פינצטער)

— — —

בילד 6.

אַ שטוב אין געטאָ, פאַרנעמט אַ האַלבע בינע. די צווייטע העלפט איז דער הויף. ס'איז שפּעט נאַכט. איבערן גאַנצן צימער ליגן פרויען, מענער און קינדער. איינציגע כאַפּן זיך אויף אין קאַנוואָולסיווער אומרואיקייט. אַ קינד צעוויינט זיך.

קינד: עסן, מאַמע, עסן.

מאַמע: עסן, וואָס זאָל איך דיר געבן עסן?..

קינד: (וויינט) עסן...

מאַמע: נאַ, עס מיין האַרץ (פּויזע) כ'פיל, איך גיי פון זינען אַראָפּ, וואָס טוט מען?—

משוגענער: (ליגט אין הויף) שאַ.שאַ.שאַ. לאָז שלאָפן!

מאַמע: (דורכן פענצטער) מיין קינד גייט אויס פון הונגער!

משוגענער: (דערלאַנגט איר אַ שטיקל ברויט) נאַ, גיב אים. כ'וועל דיר געבן נאָך. ש.ש.ש.

מאַמע: אַ דאַנק, דו דערהאַלטסט אונדז שטענדיק ביים לעבן, איצט וועט ער שלאָפן.

משוגענער: (ווייזט מיטן האַנט) ש.ש.ש. ניי שלאָפן (נאָך אַ ווײַלע שטילקייט, הערט זיך פון גאַס אַ טומל פון שווערע לאַסט־וועגענער, געקלאַפּעריי און טופּן מיט די פיס. אַ דייטשע שטים רייסט דורך די לופט).

שטימע: אַלע יידן פון אַלע הייזער זאָלן אַרונטערקומען אין פינף מינוט צייט! אַלע יידן פון אַלע בלאָקן זאָלן אַרונטערקומען אין פינף מינוט צייט.

(אין צימער אַ באַוועגונג. ווי פון אַ פייער שפּרינגען אַלע פון די ערטער אין איין קופּע. איינציגע וויינען אַרויס אין טויט־שרעק. פון גאַס הערן זיך קולות, געשרייען און וויינען).

אַלטער ייד: רבונו של עולם, עד מתי?... (פּרעכע זידלערייען, רעוואָלווער־שאָסן. אַלטער זאָגט ווידוי).

לייזער: וואָס קלאַפּט איר זיך אין האַרצן? האָט איר געזינדיקט פאַר גאָט? צי האָט גאָט געזינדיקט פאַר אייך, פאַר אונדז אַלעמען? קיינער זאָל נישט גיין, קיינער נישט! דאָ זאָלן מיר בלייבן, מיט העק, מיט מעסער, אייזנס, מיט וואָס נאָר מיר קענען, אפילו מיט נאַקעטע פויסטן. טויטע זאָלן זיי אונדז אַרויסשלעפּן! נאָר פריער — נקמה! צי האָט איר פאַרגעסן אונדזער שבועה?

(ס'הערן זיך שאָסן).

פרוי: זיי שיסן אין די פענצטער! ליגט זיך! (אַלע ליגן אויפן דיל. אַ שאָס ברעכט אויס אַ שויב. געשריי און געוויין).

לייזער: איר קענט שרייען, וויינען, עס וועט די חיות ניט רירן, אָבער דאָ בלייבן! (שאָסן אין די שויבן).

אַלטער: אפשר דאָך... (וויל גיין).

לייזער: שווייגט, זאָג איך!...

אַ פרוי: (מיט אַ קינד אויף דער האַנט) לייזער, נעם אים איבער, איך קען שוין נישט (ער נעמט דאָס קינד פון אירע הענט. קאַנאָנאַדע פון קוילן. האַסטיקע טריט. געשרייען און געוויין פון דרויסן).

לייזער: זייט גרייט צו שטאַרבן, נאָר געדענקט... איך וועל אָנהויבן. קיינער זאָל ניט גיין צו זיין לעבעדיקער (עמיצער ווייגען). ניט איצט! זאָלן זיי קיין טרערן נישט זען!

דייטש: (קלאַפּן אין טיר) זיינען יידן דאָ פאַראַן? זיינען יידן דאָ פאַראַן? (ברעכן אויף די טיר. אינספּעקטאָר מיט 4 עס.עס. לייט).

אינספּעקטאָר: אַזוי, אַ געהיים־באַראַטונג דאָ! אַלע אַרויסגיין!!! (קיינער רירט זיך נישט) אַלע אַרויסגיין!!! (קיינער רירט זיך נישט. אַ לאַנגע פּויזע. אַלטער קוקט אויף אַלעמען. מאַכט אַ טראָט).

אַלטער: אולי ירחם... (לייזער גיט אַ שאַרפן בליק אויף אים).

לייזער: שטיין! נקמה! (וואַרפט זיך אויף די דייטשן. אַלע ראַנגלען זיך מיט די לעצטע כוחות. רעוואָלווער־שאָסן. געשרייען און קרעכצן. אַלע יידן פאַלן, אויך צוויי דייטשן. אַ דייטש פאַרוואונדעט).

אינספּעקטאָר: (שיסט אויס זיין לעצטע קויל, אַרויפקומענדיק אין הויף פון די טרעפּלעך) פיר אים אַוועק צו דער הילף־שטעלע אויף פּאַוויע. אָבער האַלט דאָס מויל. קיין ווידערשטאַנד פון די יידן. פאַרשטאַנען?

דייטש: צום באַפעל, הער אינספּעקטאָר! (אָפּ).

אינספּעקטאָר: צום טייוול! פאַרפלוכטע יידן! (דערזעט דעם משוגענעם, טוט אַ ציטער, כאַפּט דעם רעוואָלווער).

משוגענער: (גענעצט) מ'קען ניט שלאָפן, אַ...

אינספּעקטאָר: הענט אין דער הויך, אויפשטיין!

משוגענער: (שטייט אויף, גענעצט) יאָ, הער גענעראַל!

אינספּעקטאָר: ביסט דאָ אַליין?

משוגענער: ניין, איך און איר, הער גענעראַל.

אינספּעקטאָר: כ'מיין, שווייניע־יודן זיינען דאָ נאָך פאַראַן?

משוגענער: הא?

אינספּעקטאָר: שווייניע־יודן זיינען דאָ נאָך פאַראַן?

משוגענער: דאָ נישט, זיי שלאָפן אינעווייניק.

אינספּעקטאָר: אַזוי... וועק זיי אויף, וועק זיי אויף.

משוגענער: (גייט ארויף אויף די טרעפּלעך, בלייבט שטיין אין אָפענער טיר. אינספּעקטאָר לאָדט זיין רעוואָלווער. משוגענער קערט זיך לאנגזאם אום. בלייבט שטיין אויפן לעצטן טרעפּל. זינגט)

אויסגעשטאָרבן... אין מיין הארצן וויינט די וועלט, איי־ליו־ליו, שלאָף איין וועלט, איי־ליו־ליו, שלאָף אין רו!

אינספּעקטאָר: האָסט זיי אויפגעוועקט?

משוגענער: (זינגט אָן איבעררייס) איי־ליו־ליו, שלאָף אין רו, מיין הארץ, עס בענקט אזוי נאָך רו, ליו־ליו (העשעט)

אינספּעקטאָר: הא, דאָס איז דער לוסטיקער שווישפּילער (ליינט אריין רעוואָלווער אין טאש) דערקענסטו מיך? קום אהער! קום אהער! זינג פאר מיר, מאך מיך לוסטיק!

משוגענער: (זינגט א טרויעריק ליד) אין מיין הארצן וויינט די וועלט...

אינספּעקטאָר: לוסטיקעס! לוסטיקעס!

משוגענער:—

אויף מיין הארצן, ווי איבערן הימל,
ליגט א וואלקן גרויס און שווער,
נאָר דער וואלקן וויל נישט פּלאצן,
ס'רינט קיין איינציק־איינציק טרער.

אינספּעקטאָר: לוסטיקעס, לוסטיקעס, זאָג איך!

משוגענער: דו ווילסט, דו מענטשן־חיה, די זריעה פון לעבן טויטן! קומען וועט א שטורם און דיך פארטיליקן אויף אייביקע צייטן.

אינספּעקטאָר: נאָך לוסטיקער! נאָך לוסטיקער! שווישפּילער, לוסט־שפּילער!

משוגענער: איך האָב מיין קעניגרייך, איך בין צעזאָר, און איך גיב ארויס א באפעל אלע דייטשן זאָלן געניזוקט ווערן.

אינספּעקטאָר: (לאכט) אָט אזוי!

משוגענער: שווארצער מלאך, קוש דיין זון, פוי (שפּייט צום הימל).

אינספּעקטאָר: (לאכט).

משוגענער: (ענדערונג אין טאָן) ווי רויט דער הימל איז געוואָרן! כ'וואָלט געוואָלט אין אים אריינקלאפּן א קלאָץ און די גאנצע וועלט אויפהענגען...

אינספּעקטאָר: א יא, קום נענטער (לאכט) (משוגענער רירט זיך נישט) דערקענסט מיך? לוסטיקער שווישפּילער, געדענקסט — די לוסטיקע שפּיל? — (מיט די ווערטער גייט אינספּעקטאָר צו צו אים פּנים אל פּנים).

משוגענער: (קוקט שטאר. וואכט אויף. יעדע ווײַלע מער אויפפלאמענדיק) כ'דערקען, יא, יא, כ'דערקען, הער אינספּעקטאָר פאָן־ברוק, כ'געדענק, האָסט מיך זייער לוסטיק געמאכט, איך וועל דיך אויך לוסטיק מאכן... מיך צוגעבונדן צום אלמער, כ'זאָל זען, ווי דו שענדסט מיין ווייב... דערנאָך האָסטו זי דערשאָסן, און האָסט געלאכט, געלאכט... ביסט געווען לוסטיק, האָסט אָנגעכאפּט מיין משהלען, און...

אינספּעקטאָר: (רייסט אים איבער) האלט דעם פּיסק — (פּויזע) זאָג: איך בין א דרעקישער יודע.

משוגענער: איך בין א דרעקישער יודע...

אינספּעקטאָר: מאך אויף דיין מויל. (משוגענער טוט אזוי. דייטש שפּייט אים אריין).

משוגענער: (שטאמלענדיק) שווארצער — מלאך — קוש — דיין — זון...

אינספּעקטאָר: וואָס פּלוידערסטו? (משוגענער בלייבט שטיין מיט א ברייט אָפן מויל. גייט צו אים נענטער) וואָס האָסטו געזאָגט? וואָס האלסטו אָפן דאָס מויל, ווילסט, איך זאָל דיר נאָכאמאָל אריינשפּייען?

(אין דעם מאָמענט ווארפט זיך דער משוגענער אויף אים מיט א געשריי פון א ווילדער חיה, בייסט זיך איין אין זיין גארגל. ביידע פאלן אום. א לאנגער געראנגל און ברומען, אינספּעקטאָר שיסט, צילט ניט, נאָך א ווײַלע בלייבט דער אינספּעקטאָר ליגן טויט. משוגענער ציט זיך מיט א ברום צוריק פון זיין האלדז, ווישט מיט די הענט זיין פארבלוטיקט פּנים, קוקט אויף די פארבלוטיקטע הענט. לאכט ביטער).

משוגענער: אי, ווי זיס! (קייקלט דעם קערפּער אָן א זייט, ציט זיך אוים מיטן קאָפּ אנגעלענט אויף אים) איצט וועל איך שלאָפן און חלומען גוטע חלומות (ברומט).

(פינצטער)

— — —

צווייטער אַקט

בילד 1.

סימולטאן שפּיל. איין ווינקל בינע באלויכט, אַ פראגמענט פון א קעלער, און דער קאָפּ פון שטומען אָפּיציר חבר עקס בייט ראדיא.

אין דער אנדער זייט בינע לייבל'ס גרופּע — געשפּאנט, נעמט אָפּ די נייס.

חבר עקס: אכטונג, אכטונג, יידישע געהיים־ראדיא, 971, אכטונג! באן־ליניע ווארשע דעמבלין צייט 9.10, מאָרגן אָוונט. פּראכט־צוג. וואגאן נומער 19279. ווי.איי.די. זאָלן אכט מענטשן שפּרינגען פון וועג־צייכן 7־צו צוויי, דיסטאנץ — 100 מעטער צוג־פירער פארלאנגזאמט דעם לויף ווו נויטיק. האָפען שרודבאָראוו. וועג־צייכן 38. 400 מעטער לינקס אין וואלד, פון געפאלענעם בוים 20 טריט צו מערב. אויסגראָבן די „סחורה".

דורך וואלד ביינאכט טראָגן ביז וואווער, לאָזן אין „מקום".

אכטונג, ידיעות פון לאָנדאָן — ארטור פארצווייפלט פון דער וועלטס גלייכגילטיקייט, פאָרערט מאסן־זעלבסט־מאָרד פון יידישע כלל־טוער פאר די טירן פון 10 דאונינג סטריט. ער גלויבט, דאָס וועט אויפוואכן דאָס געוויסן פון דער וועלט און נישט דערלאָזן פארניכטן א פאָלק.

אין גריצע ניצול געוואָרן 400.

אכטונג, ראסטאוו געפאלן צו דער רויטער ארמיי.

האָפנונג, נקמה!

(פינצטער עקס)

שלמה: איר זעט אז מיר האָבן א גרויסן גאָט!

יאנקל: חברים, איידער מיר גייען באטראכטן די גרויסע ארבעט, וואָס עס שטייט פאר אונדז, ליינ איך פאר, מיר זאָלן פייערן די נצחונות פון דער רויטער ארמיי: לאָמיר עסן דאָס ברויט און וואסער, וואָס מיר האָבן פאר מאָרגן.

אסתר: און וואָס וועלן מיר עסן מאָרגן?

שלמה: אויף מאָרגן וועט גאָט זאָרגן.

אלע: איינשטימיק. דאָס וואסער אויך.

לייבל: (צו אסתרן) באלעבאסטע, אָן אלגעמיינער באשלוס (דערלאנגט איר ברויט. זי צעטיילט יעדן א שטיקל, גיסט אָן וואסער אין טעפּלעך).

דוד: לייבל, ס'איז א פייערלעכער באנקעט, מוזטו האלטן אַ טאָסט.

אלע: א טאָסט, לייבל...

לייבל: שא, ש.ש.ש. רב שלמה, מיט דעם טאָסט בין איך אייך מכבד.

שלמה: (נעמט פייערלעך זיין טעפּל וואסער איז האנט, רעדט מיט א ציטעריקער שטים).

יידן. חברים, אזוי ווי איך בין זיכער, אז עס איז דאָ א גאָט אויף דער וועלט, אזוי גלויב איך, אז מיר וועלן זיך שטארקן און נאָך דערלעבן צו טרינקען ווײַן און זיך משמח זיין, און אז דער המן־היטלער, מיט זיינע רוצחים און גזלנים, וועלן

איינגנעמען א מיתה משונה, און ס'וועט פון זיי קיין שריד ופליט ניט בלייבן (אלגעמיינע באוועגונג. טרינקען).

לייבל: ווארט, לאָזט מיך אויך זאָגן א וואָרט. חברים, א שווערע ארבעט שטייט אונדז פאָר. אָבער אויף דעם ווארטן מיר דאָך. פון די 700 טויזנט יידן אין ווארשע אליין, האָט מען איבער 600 טויזנט געשלעפּט צו דער שחיטה, ווי שטומע שאָף, ווייל זיי האָבן נאָר געהאט זייערע נאקעטע לעבנס, אָבער איצט הייבן מיר אָן די יידישע מלחמה מיט דער מעכטיקער דייטשער מאשין. דאָס בלוט פון דייטשן וועט זיך גיסן אין געטא. ווי זאָגט איר, רב שלמה, מיר וועלן נאָך דערלעבן צו טרינקען ווײַן, מיר קעמפן נישט נאָר כדי צו שטארבן ווי מענטשן, נאָר פאר א שענערן לעבן, נאָך זייער מפּלה. פאר דערפאָלג און זיג! (ער עסט).

אסתר: (נעמט ארום לייבלס קאָפּ) לייבל, קען דאָס טאקע זיין? מיין הארץ צאפּלט אין מיר, ווען איך טראכט, אז דאָס אלץ קען טאקע נאָך ווירקלעך זיין, אז מיר וועלן דערלעבן א צייט צו זיין פרייע מענטשן אין א פרייער וועלט, ווו א ייד וועט נישט זיין געיאָגט ווי א ווילדע חיה, און מיר וועלן גליקלעך זיין, ארבעטן, עסן צו זאט און האָבן א ריין העמד און א בעט צום שלאָפן. — אָ, לייבל, מיין ליבער לייבל, איך קען דאָס מיר גאָרניט פארשטעלן.

(קושט אים, צעוויינט זיך).

לייבל: נו, נו, טייערע אסתר, צופיל סענטימענטן (קושט זי) עס קען זיין מעגליך? אודאי, עס וועט זיין, ס'וועט אונדז שווער אָנקומען, אָבער ס'מוז אזוי זיין, ס'קען אנדערש נישט זיין...

רב שלמה: (רייסט אים איבער, ליינט די הענט אויף זיי) אודאי. ער איז גערעכט. וועסט זען, אסתר, כ'וועל נאָך טאנצן אויף אייער חתונה. (אסתר ווישט זיך די אויגן).

לייבל: (קושט זי, נעמט איר פּנים אין די הענט) אזוי וועט זיין, אסתר. רב שלמהן מעגסטו גלויבן. דערווייל באהערש זיך און העלף מיר צוגרייטן די נסיעה. רב שלמה, ס'טוט מיר זייער ליד, אָבער אויף דער חתונה קען איך אייך נישט מיטנעמען.

שלמה: א, ניין, אז דו ווילסט כ'זאָל טאנצן אויף דיין חתונה, מוזטו מיך מיטנעמען אויף דער חתונה אויך, און כ'וויל א שפּיער אין יד אריין אויך.

לייבל: רב שלמה, איר זייט דאָך א דיסציפּ־

ליגירטער און געטרייער סאָלדאט. פארשטייט — איר בלייבט אכטונג צו געבן אויף אונדזער ראדיא. נאָר אייך קען איך דאָס אָנפארטרויען, איר פארשטייט דאָך, וואָס דאָס מיינט —

שלמה: (נעמט אים ארום, מיט א קלוגן בליק) איך פארשטיי, איך פארשטיי, קלוגער קאָמאנדיר מיינער (דריקט אים די האנט).

לייבל: (צעקושט זיך מיט אסתרן. שלמה שטעלט זיך ביים ראדיא ווי א זעלנער אויף דער וואך).

(פינצטער)

— — —

בילד 2.

אין מיטן בינע אַ לויפנדיקער פראכט וואגאן, וואָס האָט אין הינטערגרונט צוויי האלבע טירן, וואָס רוקן זיך פונאנדער. א נאפט־לאָמפ ברענט טונקל, מיזעט קוים דעם נומער. אקוסטישער עפעקט פון לויפנדיקן באַן. אין אַ ווייל פארלאנגזאמט דעם לויף, די טירן רוקן זיך אַ ביסל פונאנדער, איינער שפּריגט ארויף, העלפט ארויפשלעפן דעם צווייטן. זיי פאררוקן די טיר, בלייבן שטיין קוקנדיק דורך דער שפּארע. נאָך אַ ווייל רוקן זיי פונאנדער, נאָך צוויי שפּרינגען ארויף. דאָס חזרט זיך איבער ביז אלע אכט זיינען אין וואגאן. מאכן צו די טירן, זעצן זיך אויפן דיל אין דער לינקער זייט. ס׳איז שטיל, מ׳הערט נאָר דעם רויש פון באַן.

איינער: וואָס וואָלט איך איצט נישט אוועקגעגעבן פאר א שטיקל פּאפּיראס.

לייבל: נארישקייטן, ווע‍סט נאָך חלילה מאכן א פייער אין א דייטשן וואגאן.

אַ צווייטער: ס׳זאָל אונדז אזוי אדורכגיין גלאטיק דער גאנצער וועג, וואָלט נישט שלעכט געווען. האָסט מיטגענומען וואסער?

(איינער גיט אים פלאַש, טרינקט).

לייבל: ס׳וועט גיין, ס׳וועט גיין גלאטיק. כ׳האָב אזא געפיל, און מיין געפיל האָט מיך נאָך קיינמאָל נישט פארראטן. איר וועט זען. שטעלט אייך פאָר: א קאסטן געווער צו ממיתן דייטשן... רב שלמה וועט זיך פרייען (דער צוג פארלאנגזאמט) וואָס איז דאָס, א סטאנציע?

איינער: ס׳איז געפערלעך.

לייבל: שרעקט זיך ניט. אויף יעדן פאל האלט גרייט די כלים. ליגט שטיל. (דער צוג שטייט א ווייל. ס׳הערט זיך: אפּצוג! און א פייף. דער צוג רירט זיך. ווען אין פולן לויף, רוקן זיך די טירן פונאנדער זייער לאנגזאם. מיט גרויס שפּאַנונג קוקן אלע אין דער ריכטונג. זיי באמערקן קיינעם נישט). (שטיל) ס׳איז דער ווינט...

איינער: ש,ש. חו—חא... זע, אויבן, פונם דאך (זיי זעען הענגענדיקע פיס אין צעריסענע שטיוול פון וואגאן־דאך לאָזן זיך פארזיכטיק ארונטער. א מענטש בלייבט שטיין אין וואגאן אין צעריסענע האלב־מיליטערישע קליידער. קוקט זיך ארום, באמערקט קיינעם נישט. גיט א צייכן, ס.ס. נאָך איינער לאָזט זיך ארונטער און נאָך צוויי. די לעצטע דריי אין ציוויל. פארמאכן די טירן. זעצן זיך אויפן דיל, רעכטס).

לייבל: (מיט א רעוואָלווער, שארט זיך א טראט פארויס) ווער זענט איר?

(די גרופּע רעכטס טוט א ציטער. שטעלט זיך אויף מיט אויפגעהויבענע הענט, שטאמלען).

לייבל: (גייט צו נענטער) יידן?

די יידן: יא, יידן, פון גריצע אנטלאָפענע פון טויט (איינער חלשט) ווער האָט וואסער? (איינער לויפט צו מיט א פלאַש. לייבל גיט אים וואסער. געחלשטער קומט צו זיך און הויבט אָן צו וויינען מיט היסטעריש געשריי. לייבל כאפּט אים פארן מויל. די איבעריקע ארום אים).

לייבל: דאָס איז דאָס ערגסטע דאָ. און ווער איז דער?

רוס: איך? איך וועל דיר אליין זאָגן, א רוסישער סאָלדאט, א געפאנגענער ביי די דייטשן, און ווי איר זעט — אנטלאָפן. (אלע באגריסן אים) כ׳האָב אין לאגער געוואָרפן אָן אויג אויף א פריצל, געגנוי מיין הויך. טראכט איך מיר: זיינע קליידער וועלן זיין אויף מיר ווי אנגעמאסטן. האָב איך אים אָפּגעטשאטעוועט אויף וואך, און אים אוועקגעשיקט אויף יענער וועלט, א שאד די ביקס ניט באוויזן נעמען. נאָר די קליידער — אָט זיינען זיי.

לייבל: מיר זיינען גליקלעך פון דער באגעגעניש (דריקט אים די האנט)). און וואו האָט איר זיך געטראָפן מיט זיי?

רוס: אויפן דאך. זיי זיינען שוין געווען דאָרט. איך בין ארויף אויף דער לעצטער סטאנציע.

לייבל: וואָס מאכט ער? זעט, ער זאָל נישט וויינען אויפן קול. אין גריצע איז געווען א שחיטה, הא?

ייד: פרעגט שוין גאָרניט. אזא גיהנום! פון אכט טויזנט יידן, א חוץ א פּאָר הונדערט געראטעוועטע, איז קיין איינער נישט געבליבן. נאָר די קינדער, נעבעך, ווייסט מען אפילו נישט

וואו מ׳האָט זיי פארטריבן — מיינע דריי קינדערלעך — — — ווער ווייסט? (זיפצן)

לייבל: ווער ווייסט — איז וואוהין פאָרט איר איצט?

ייד: וואו די אויגן טראָגן.

לייבל: און איר?

רוס: אין וועלכער ריכטונג גייט דער באַן?

לייבל: הערט זיך איין. איר וועט גיין מיט אונדז. ווען איר וועט זען אז מיר שפּרינגען פון וואגאן, שפּרינגט מיט (דער צוג פארלאנגזאמט שטעלט זיך אָפּ) נאָך א סטאנציע. קומט אלע אהער, ליגט זיך, נאָר שטיל ביז דער צוג רירט. (פון דרויסן הערט מען ריידן דייטש. די טירן עפענען זיך. א באַן־קאנדוקטאר מיט א לאמפּ אין האנט ווייזט אריין צוויי מענער. איינער אין מיליטער קליידער, דער אנדערער אין ציוויל).

קאנדוקטאר: אָט אָ דאָ קענט איר רואיק ריידן, קיינער וועט אייך ניט שטערן. נאָר פארגעסט ניט מיין חלק, שווינדלער. געדענקט די 5־טע סטאנציע ארוּפּגיין. אויף ווידערזען. אָפּצוג! (פייף. צוג רירט).

מיליטער־מאן: צום טייוול, ווי פינצטער, אזא וואגאן איז נאָר גוט פאר חזירים און יידן.

ציווילער: ש.ש.שא, מיר מוזן דאָך גאנץ קאנספּיראטיוו זיין.

מיליטערמאן: צום ענין.

ציווילער: אלזא, ווייסט איר שוין, וועמען איר האָט אין לעמבערג. דאָ האָט איר די אדרעסן פון די רייכע יידן אין קראקוי. דאָ איז לאָדזש, לובלין האָט איר שוין, דאָרט זיינען פאראן מיליאָנען גאָלד און דימאנטן. אָבער נישט ווי לעצטן מאָל, 50 — 50, דאָס זיינען מיינע באדינגונגען.

מיליטערמאן: אָבער די פארפלוכטע יידן גיבן דאָך נישט, יא, זיי צאָלן מיט גאָלד שטראָפן פאר פארברעכנס, אָבער אזוי גיבן זיי נים.

ציווילער: דערויף ביסטו דאָך א דייטשער סאָלדאט. דערשיסט איינעם, צוויי פון דער פאמיליע, וועלן דיר די איבעריקע שוין אליין אוועקגעבן, איר פארשטייט. איך באדויער זייער, וואָס איך בין נישט אין דייטשן מיליטער, וואָס קען איך מאכן, איך בין א דייטש אָבער געבאָרן אין פוילן.

מיליטערמאן: 50 פּראצענט איז צופיל פאר דיר.

ציווילער: איך גיב דאָך דיר אלץ אין האנט אריין, און דו טוסט נאָך דערביי דיין הייליקע פליכט אלס אריער: שיסט יידן, נעמסט צו זייער פארמעגן, און צעטיילסט עס צווישן דייטשן. נאָר גלייך אויף גלייך. טראָץ דעם וועל איך דיר געבן א שאנס: וועסט נאָך קריגן דעם אייזערנעם קרייץ און ווערן מאיאָר.

מיליטערמאן: וואָס מיינסטו?

ציווילער: איך וועל דיר אָנווייזן א געהיימע דרוקעריי פון אונטערערד, און דו וועסט זי אנטדעקן.

מיליטערמאן: דאָס איז גלענצנד, אויסגעצייכנט! געמאכט — גלייך ווי איך קום צוריק פון לעמבערג.

ציווילער: יא, ווארט, נאָך אָן אדרעס אין לעמבערג מוז איך דיר פארשרייבן. יא, ראזענשטיין, סלאָוואצקיעגא 63.

מיליטערמאן: ס׳איז אזוי פינצטער.

ציווילער: רייב אָן א שוועבעלע און איך וועל פארשרייבן.

(זיי טוען אזוי, ווען פארטאָן מיטן אדרעס, ווערן זיי באפאלן פון דער גרופּע און שטיל דערהרגעט. דער רוס איז זייער אקטיוו).

אַ ייד: כאָטש א שטיקל נקמה.

איינער: ווארט, דאָס איז נאָר אָן אָנהויב.

לייבל: (צו די אנדערע) נו, ס׳גייט גלאטיק, הא? וואָס טוען מיר מיט די נבלות?

רוס: שליידער זיי ארוים פאר די וועלף (וויל זיי שלעפּן).

לייבל: ניין, סיי־ווי דארפן מיר שוין באלד ארוים. דערווייל וועלן מיר זיי בודק זיין (באזוכט דעם ציווילן). חבר רויט־ארמייער, דאָ האָט איר א מתנה — א דייטשן ברוינינג, געלט, צירונג, אויערינגלעך, זייגערלעך — אנגעגזל׳ט! יעדעס שטיקל קאָסט יידישע לעבנס. באזוך די אנדערע נבלה (רוס זוכט) כ׳וועל שיקן דיינע נקבות פארזענטער (שפּייט אויף אים), בעסטיע!

רוס: קודם דעם רעוואָלווער. אָט א כלי! סיגארעטן, געלט, זייגערלעך... און וואָס איז דאָס? א, א טאָג־בוך... מיר קענען זיי גוט, די טאָג־ביכער פון די פריצעס! אדרעסן פון יידן: (לייענט) לאָדזש, ווארשע, קראקוי. יא, 50 — 50. איצט האָט איר זיך שוין געטיילט 100 — 100!

לייבל: וויין! א פלאַש מיט וויין! ר׳ שלמה, איר זייט גערעכט, מיר׳ן טרינקען וויין! מיר קומען צום ציל! חברה, ווארפט פונאנדער אלע זאכן, יעדערער זאָל האָבן א ביסל. נו, גיי דער ערשטער! (שפּרינגען ארוים איינער נאָכן אנדערן. לייבל און רוס — די לעצטע).

לייבל: (פארן שפּרינגען) דער וואגאן איז

נאָר גוט פאר דייטשע פגרים!

רוס: (קוקט, טוט אַ שטוים און אַ שפּיי) פוי! (שפרינגט).

(פינצטער)

בילד 3

נאכט. אין וואלד. יעדע ווײַלע שלײַכט פארביי אַ פיגור מיט אַ זאק. אַלץ געשעט טיף אין הינטערגרונט. אין פאדערגרונט שטייען צוויי דײַטשן אויף וואַך.

שטאמער: ווי לאנג, לומפקע, מיינסטו וועלן מיר זיך נאָך דאָ ארומוואַלגערן?

לומפקע: ביז ס'וועלן אין אייראָפּע מער ניט זיין קיין באלשעוויקעס און קיין יידן.

שטאמער: דערווײַלע דויערט עס שוין פיר יאָר. און אונדז האָט מען צוגעזאָגט אין זעקס חדשים צייט וועלן מיר באהערשן גאנץ אייראָפּע און טיילן פון אפריקע און אויך אנדערע קאָלאָניעס, און יעדער דייטש וועט זיך באָדן אין גוטס. אַלע פעלקער וועלן זיין פאר אונדז שקלאַפן. מיר וועלן זינגן, און קיין איין ציגל ניט פארלירן.

לומפקע: ש.ש. (שטעלט אן געווער) ווײַטער אַ פויגל... האָסט ליב פּאָליטיק, ווייזט אוים?—

שטאמער: ניין, כ'האָב נאָר ליב אַ ביסל צו טראַכטן.

לומפקע: ס'איז נישט געזונט פאר אַ דייטשן סאָלדאַט —

שטאמער: האָסטו געהערט פון עריק'ס בריוו?

לומפקע: ניין, מיך אינטערעסירט דאָס ניט.

שטאמער: (אין אויער) גאנץ בערלין איז אַ חורבה. יידישע פליער פארניכטן אונד.ערע שטעט. צענדליקער טויזנטער מענטשן צעשמעטערט פון די באָמבעס. זאָג מיר, לומפקע, די באלשעוויקעס האָבן מיר געוואוסט, אָבער די ענגלענדער האָט מען אונדז דאָך פארזיכערט, אַז זיי האָבן נישט קיין באָמבעס און נישט קיין פליער. די מעכטיקע לופטוואפע איבער אַלעס...

לומפקע: העי, שטאמער — — —

שטאמער: ניין.... איך דערצייל דיר נאָר.

לומפקע: דאָרט! שיס! (אין דער טיף דער רוס מיט נאָך איינעם. אַ שיסעריי און געלויף. איינער פאַלט. שיסעריי פון רוס און לומפקע. לומפקע לאָזט ארוים דעם ביקס, פארוואונדעט. אין ווייטאָג. הויבט אויף די הענט. רוס דערנענטערט זיך)

פארשאָלטענע פארטיזאנער!

רוס: וואָס מאכסטו, פריץ? ווייז! (פארבינדט אים די וואונד און דאָס מויל) זעסט דאָס? דערקענסט העי? דייטשישע, שיסן גוט. נו, טו אוים די הוי.ן (שלעפּט ארונטער די שטיוול און הויזן, שטופּט אין זאָק. דייטש ציטערט). איצט וועסט: כאפּן פרישע לופט. (אויך פון טויטן שלעפּט ער די זאכן ארונטער און שטופּט אין זאק). זיי וועלן אונדז צוניץ קומען. קום. (שלעפּט אים הינטער דער בינע, פון וואנעט ס'הערן זיך אמפּערנישן און וויינען). דו וויינסט? (שלעפּט אים צוריק אויף דער בינע) אַ פריץ קען אויך וויינען? כ'האָב געמיינט פריצעס קענען נאָר מאָרדן, זויפן, לאכן, וואַרט. (בינדט אים אויף דאָס מויל) וויין! וויין! וויין! כ'קען נאָר אייער געלעכטער, אָבער וויינען! האָב איך נאָר געהערט אנדערע. וויין, בעסטיע!

דייטש: (וואַרפט זיך אויף אים) שווייַנען־יודע!

רוס: מאכסט אַ טעות! איך בין אַ יודע און אַ רוס, יודע־באלשעוויק, און כ'האָב געשווירן אַז ווי נאָר כ'וועל קענען, וועל איך אייך מאכן דעם טויט. און דו האָסט מיר צוגעגעבן קוראַזש. אַך, ווען מיין טויטע מאמע וואָלט געקאָנט זען ווי איר זון מאכט אַ פריץ וויינען פארן טויט (דערלאַנגט אים אַ זעץ) וויין, בעסטיע! (דערהרג'ט אים. שפּייט אויף זיי). צוויי פריצעס אויף מיין חשבון! (שטופּט אין זאק די ביקסן און אנדערע זאכן פארן אָפּגיין) אָט אזוי וועלן מיר אייך צעטרעטן, ווי ווערים!

(פינצטער)

בילד 4

סימולטאָן בילד. ביי איין טעלעפאָן הער אבערסט אין זיין ביורא. ביים צווייטן — פאליציי־אָפּיצער.

פאליציי־אָפּיצער: הער אבערסט פאָן־שוויינ־פארד, ביטע.

אבערסט: (טעלעפאָן קלינגט) יא אבערסט פאָן־שווײַנפארד.

פּאָליציי־אָפּיצער: הער אבערסט?

אבערסט: יא, רעדט.

פאליציי אָ.: לײַדער, זייער שלעכטע ידיעות. פארטיזאנער זיינען טעטיק אין אטוואצקער געגנט. ווידער אַ שוידערלעכער מאָרד איבער צוויי וואָך־ליט. די וואָך דערגרייכט שוין די ציפער 64 דער־הרג'עטע. די פארטיזאנער זיינען באוואפנט מיט ביקסן, רעוואָלווערן, מאשין־געווער און האנט־גראנאטן.

אבערסט: דאנערוועטער נאָך איינמאָל! וואו איז אינספעקטאר פאָן־ברוק, הא? וואָס שוויינגט איר? ער האָט געזאָלט פארשטארקן די וואך אין די וועלדער און וועגן, איז ער ווייטער אויף יאגד, צום טיוול?

פאליציי א.: הער אבערסט....

אבערסט: וואו איז ער, פרעג איך!

פאליציי א.: עס טוט מיר זייער ליד צו ברענגען די טרויעריקע נייס... איך וועל, איך האָב...

אבערסט: דעם אינספעקטאר וויל איך גלייך, אַז נישט...

פאליציי א.: אינספעקטאר פאָן־ברוק איז אויך טויט!...

אבערסט: גוט אזוי. הא! — וואָס זאָגט איר!...

פאליציי אָ.: מען רעכנט, ער איז דערהרגעט געוואָרן, קיין שפּור פון אים...

אבערסט: וואָס האלט איר דאָס אין געהיים, ווען האָט דאָס פאסירט?

פאליציי א.: ס'איז נישט באוואוסט. שוין אַ רעכטע צייט ווי מיר ווייסן נישט פון אים.

אבערסט: (קוקט זיך ארום נערוועו) מע... מע... שיקט מיר איבער אַ גענויעם באריכט וועגן אַלץ, איך נעם איבער די זאַך אין מיינע הענט. איך וועל ארויסגעבן פאראָרדנונגען און אינסט־רוקציעס, דאָס וועט מער נישט פאסירן!

פאליציי א.: צום באפעל, הער אבערסט.

אבערסט: איר זייט אַ באנדע דרעקישע קעפּ!

(פינצטער)

פאליציי א.: צום באפעל, הער אבערסט.

(פינצטער)

בילד 5

אַ פראגמענט דעקאראציע פון אַ קאפע אויסערן געטא. אין הינטערגרונט אַ וואנט מיט אַ טיר אין צענטער. אויף דער וואנט זעט זיך אַ סימן פון אַ געהאנגענעם בילד.

אַ שטים: (פון הינטער דער בינע) (דייטש מיט אַ פוילישן אקצענט) טוטיי, יא, היר, הער אפיצער, היר באקומען זי אַלעס, אויך שעהנע מערכען.

פאוליסשטימע: גוט, גוט, דאנקע, (ס'הערט זיך קלאַפּן אין טיר) אויפמאכן! אויפמאכן!

קעלנערים שטים: קטאָ טאם?

שטים: לאסן זי מיך, אנדזשעי אטוווזש, דייטשע אפיצירע ווילן ביר האבן.

קעלנער: יא, יא... (מ'הערט אויפמאכן אַ טיר) יא, הער אפיצער. דער ווירט איסט ניכט היר. כ'בין גאנץ אַליין. איך בין דער קעלנער, ארבעט נאר היר. (פירט זיי אריין אויף דער בינע).

דייטשן: (קוקן זיך ארום) (קעלנער נעבן זיי).

פאול: קיין צייכן היר, אַז מיר זיינען זינער! דאָס איז אַן עפנטלעכער פּלאַץ. וואו איז דעם בירער'ס בילד?

קעלנער: (ווייזט אים אויפן וואנט) היר, הער אפיצער.

פאול: וואו איז דאָס בילד?

קעלנער: א — א — די פליגן האָבן עס בא...—

פאול: האלט דעם מונד!

קעלנער: אנטשולדיקן זי איין מאָמענט. (ברענגט אַ שמוציקן בילד פון היטלערן. הענגט עס אויף).

האנס: און וואו זינד די שעהנע מערכען?

קעלנער: (פארטרוילעך) ניכט היר, הער אפיציר, אָבער זי זינד שיין און יונג. מיינע פרוי און אירע שוועסטער די זינד ניכט ווייט פון היר. איך קען זיי זאפארט אהערברענגען.

האנס: גוט, לויף.

פאול: וואַרט, ברענג אונדז פריער ביר (קעלנער וויל גיין) ווי איז דיין נאָמען?

קעלנער: וואָס ביטע?

פאול: דיין נאָמען, קערל.

האנס: נאזוויסקא, ראָזומיעש?

קעלנער: (זייער פריינדלעך) א, טאק, יא— יא... אנדזשעי פערטשונסקי.

פאול: ווי? אנדרעי פארטיסקי? (דייטשן לאכן) וואר ניכט דיין גראספאטער אָדער גראס־מוטער יודן?

קעלנער: א, ניין, אונדזער פאמיליע האָסט יודן, גענוי ווי איר, מיין גראספאטער וואר אריש, זיין נאָמען וואר פערסטער, און מיינער אויף דייטש איז א.א...אדאלף פערסטער. איך האבע אימער געטרוימט נאָך דייטשלאנד צו פאָרן און דעם נאָמען פערסטער צו טראָגן.

פאול: פיין, פיין. זעסטו האנס. ניכט אַלע פאליאקן זיינען אונדזערע פיינט. זאָג מיר, האָסטו גערן דייטשן צו באדינען?

קעלנער: א יא, טאק, טאק. איך ליבע זייער דייטשן צו באדינען.

האנס: גוט, גיי ברענג ביר.

קעלנער: (ארויסגייענדיק) פוילישער ביר

אין זייער געשמאק.

פאול: כא, כא, כא, כא! פוילישער קרל, זיין ביר איז זייער געשמאק.

האנס: אָבער פוילישע מעדכען זינד געשמאק, בא, כא, בא, מיר מוזן אים פרעגן וועלכע איז יינגער, זיין ווייב צי איר שוועסטער?

פאול: דאָס וועלן מיר גלייך אויסגעפינען.

קעלנער: (ברענגט ביר) (בלייבט וואַרטן. זיי טרינקען אויס).

פאול: נאָך. (קעלנער גייט ארויס) יא, פוילישער ביר איז געשמאק. דער הער אבערסט איסט וואַניניק דורשטיק נאָך דאס יודן בלוט. צו ענדע פון דיזן מאָנאַט אפריל בלייבט קיין איין יודע מער אין ווארשע. א שאד אז א ייד שטארבט נאָר איין מאָל.

האנס: האָסט רעכט, פאול, א שאד, אָבער אייזן שיינע יידישקע פאר מיר מוזטו לאסן. ווייסט, פון די 600 פרויען אין לובלין האבע איך מיר איינע געלאסן, א געטלעכע שיינקייט. איך האבע זי צוויי וואָכן געהאלטן. א מכשפה! האָט זיך ביי מיר אין צימער אויפגעהאנגען (קעלנער ברענגט ביר) ווייסט, זאָג איך צו איר, ניין, מיין שיינקייט, נאָך איין מאָל מוז איך דיר האָבן! אָבער עס וואר קאפוט. כא, כא, כא (גיט אים געלט) גוט, גיי ברענג די פרויען, נא! (קעלנער גייט פארזיכטיק צום טיר, עפנט אויף; מאכט צו, בלייבט אינעווייניק. שליסט צו, באהאלט זיך אַן א זייט. דייטשן זיינען לוסטיק. טרינקען)

האנס: פאר א לוסטיקע נאכט, פאול. כא, כא, כא... (טרינקען)

(אין א ווײלע ארום ביידע הוסטן, שטיקן זיך. פאול לויפט צום טיר, קלאפט, הוסט, שרייט: דאָנערוועטער, פוילישער שווין! פאלט. האנס ראנגלט זיך נאָך. הוסט, פאלט. קעלנער קריכט ארויס פון באהעלטעניש. ציט ארונטער ס׳געווער, שלעפט ארויס איינעם.

קעלנער: (שלעפנדיק) פוילישער ביר איסט זייער געשמאק. (פון הינטערן בינע) דאָס געווער האָב איך. צי ארונטער די קליידער. כ׳ברינג גלייך דעם צווייטן. (שלעפנדיק דעם צווייטן) איך ליב זייער דייטשן צו באדינען.

(פינצטער)

בילד 6

סימולטאן בילד. ביים ראדיא פון איין זייט — חבר עקס, פון דער צווייטער זייט לייבל און אַ גרופע אין אַ געטא קעלער.

חבר עקס: טא.טא.טא. אכטונג וו.ג.ר. 971, אכטונג, אכטונג! פוילישע אונטער־ערד צוגעזאָגט הילף. אכטונג, אכטונג, אכטונג; גרייט צו טויטע! דער רויט־ארמייער איז זייער בראוו. אין א צוזאמענשטויס מיט די דייטשן זיינען געפאלן די העלדן מיכאל קליפפיש און שלמה זאגאָן, כבוד זייער אנדענק! אכטונג, אכטונג! אין איין מינוט צייט רעדט חבר ארטור פון לאָנדאָן, איך פארבינד אייך. (פארבונדן ראדיא. פינצטער עקס).

ארטורס שטים: אכטונג! איך רייד צו מיינע ברידער אין גיהנום. ברידער מיינע! איך רייד צו אייך איצט זייענדיק טיף ערשיטערט פון דעם באוואוסטזיין, אז אייגנטליך ווייס איך אליין נישט וויפיל פון אייך לעבן נאָך אין דער איצטיקער מינוט און וויפיל זייגען אימשטאנד מיך צו הערן. איך ווייס אָבער, אז די צווישן אייך, וועלכע האָבן טראָץ אלעמען נאָך אפילו איצט נישט ארויסגעלאָזן פון די פארפייניקטע הענט די פאן פון מענטשלעכער ווירדע און שטעלן נאָך אלץ א ווידערשטאנד, הערן מיך. צו אייך, חברים, זאָגן מיר: מיר פילן זיך נישט ראוי אייך צו געבן אָנווייזונגען און אינסטרוקציעס. ערשטוינט פון אייער מארטירעריי און אומגעהייערן העלדנטום ווייסן מיר, אז יעדערער פון אייך וועט אויסהאלטן ביזן סוף, נישט בויגנדיק די קני. איך וויל אייך בלויז פארזיכערן, אז פאר די ליידן און קרבנות וועט קומען אָפּצאָלונג, און די איבערגעבליבענע וועלן דערלעבן א נחמה.

שלמה: רבונו של עולם, שטארק אונדז טאקע, און אלע יידן, דאָס צו דערלעבן.

דוד: אנדערע פעלקער זיינען טויב צו אונדזערע ליידן. אָבער די יידן אין אמעריקע! פארוואָס קומען זיי אָפּ מיטן טרויערן נאָך אונדז?

שלמה: וואָס קענען זיי טאָן?

דוד: זאָלן זיי טראכטן וועגן זייערע קרובים, וואָס זיינען דאָ אויסגעשאכטן געוואָרן. זאָלן זיי זען די צעשמעטערטע קעפּלעך פון אונדזערע קינדער. אָבער זייער לעבן איז זיי צו טייער. אונדזערע לעבנס זיינען הפקר. מיר קעמפן פארן כבוד פון גאַנצן יידישן פאָלק, און מיר שטארבן דערפאר, און זיי דאָרט קומען אָפּ מיט א קרעכץ און לעבן זיך אין וואָכעדיק אין פארגעניגן. אונדזער גיהנום דארף זיי נישט לאָזן רוען. זאָלן זיי אָרגאַניזירן קאמפס־גרופּן. מיר ווייסן אז די וועלט גלויבט נישט, וואָס מיט אונדז פּאסירט. זאָלן זיי טאָן אזוינס, וואָס זאָל מאכן די וועלט גלויבן.

זאָלן זיי בלאָקירן די קאבינעטן פון רוזוועלט און טשערטשיל, דערקלערן א הונגער־שטרייק. זאָלן א טייל מאַכע דאָרטן פאר די קאבינעטן אויסגיין פון הונגער, נישט אָפּטרעטן ביז מ׳וועט מאכן גלויבן און אָננעמען מיטלען צו ראטעווען די וואָס לעבן נאָך. דריי יאָר הענגט דאָס מעסער איבער אונדזער האלדז, און קיין איין שטים, קיין איין פּאָליטישע אקציע. מען טרייסט אונדז מיטן באַשטראָפן די דייטשן נאָך דער מלחמה. אָבער וואָס פאר א ווערט וועט עס האָבן פאר די צעפּוילטע לייבער פון א גאַנצן פאָלק! מוזן יידן נעמען די נקמה אין זייערע הענט, עפנטלעכע אטענטאטן אויף דייטשן אין מיטן די גאסן, שאָסן פון יידישע הענט. און אויב זיי טוען דאָס נישט, שיקן מיר זיי אונדזער האס און קללות אין אונדזערע לעצטע מינוטן.

שלמה: דוד, דוד, ביסט צו ווייט אוועק, א קללה פון א גוסס דערגייט צום שטן. אויף דעם וואָרט ער. ווייניק אז מ׳הרגעט אונדז אויס, ווילסטו נאָך, אז די יידן זאָלן זיך אליין אומברענגען? ס׳זאָל חלילה אונטערגיין דאָס גאַנצע יידישע פאָלק? ניין, דוד, ניין!

אסתר: נישט אומברענגען זאָלן זיי זיך, נאָר באַווייזן, אז זיי טוען אלץ כדי אונדז צו העלפן. לאָמיר כאָטש זען אז אונדזערע אייגענע ברידער גלויבן וואָס מיט אונדז געשעט, אז זיי ליידן מיט אונדז און זיינען גרייט אפילו זיך מקריב צו זיין כדי צו מאכן די וועלט גלויבן. און אויב זיי טוען עס נישט, איז דוד גערעכט.

לייבל: אודאי איז דוד גערעכט, אָבער אזוי איז שוין, ווייזט עס אויס, די מענטשלעכע נאטור. ווען עס פלאַקערט דאָס אייגענע העמד אויפן לייב, פילט מען אז ס׳ברית. נאָר צו וואָס דער יאוש גראד איצט, איצט, ווען מיר האָבן דאָס גליק צו נעמען נקמה מיט אונדזערע אייגענע הענט, ווען אויף אונדז איז געפאלן דער גורל צו באַווייזן דער וועלט, און אויך דער יידישער וועלט! — יא, די יידן פון דער גאַנצער וועלט, אז נישט א פאָלק פון פּחדנים מיט געבויגענע רוקנס זיינען מיר, נאָר א פאָלק וואָס קען אויפהויבן א פויסט, אפילו ווען די האַנט בלוטיקט. מיר האָבן דערקלערט דאָ, פון דעם טויטן־קאמער, וואָס הייסט „יידישע געטא", מלחמה דער מעכטיקער דייטשער קריגס־מאשין, מלחמה אויף לעבן און טויט, און מיר פירן די מלחמה אומאָפּהענגיק פון איר אויסגאַנג. אונדזערע קרעכצן און וויי־געשרייען מעגן זיי נישט דערהערן, אפילו פארלייקענען. אָבער דעם אָפּקלאַנג פון אונדזערע קוילן און גראנאטן וועלן אפילו די דייטשן נישט פארלייקענען.

(פויזע)

(פינצטער)

בילד 7

די זעלבע דעקאראציע ווי אין בילד 4. ס׳איז גאַנץ פרי. אסתר, רבקה, דוד און אנדערע שטייען אין צימער, ווו סיליגן פינף טויטע קערפּערס. פון הינטער דער בינע הערט זיך שטים פון חבר עקס.

חבר עקס: גיכער צונעמען די פארשטונקענע יידן! זיי פארפעסטן די גאַנצע שטאָט. (צוויי וואכליים, איינער איז דער רוס אין דייטשע קליידער, מיט צוויי יידן, וואָס טראָגן אַן ארון, קומען ארויף. די יידן גייען אריין אין צימער. זיי עפענען א ווענטל אין ארון, נעמען ארויס געווער. אסתר באהאלט עס. זיי לייגן אריין דעם טויטן און טראָגן דעם ארון ארויס) שנעלער, ווי זיי שטינקען! (האלט זיך ביים נאָז. רוס שטופּט זיי אונטער) ווייטער! (נאָך צוויי יידן מיט אַן ארון קומען. כ׳פאסירט דאָס זעלבע).

גיכער! וויפיל זיינען זיי דאָרט?

רוס: איין מאָמענט (לויפט אריין אין צימער) דאָ איז דאָ מיט אונדז א פריץ. ער וועט אריינקומען. שרעקט זיך נישט, איך וועל אים מכבד זיין (ווייזט מיט די הענט.) (קומט ארויס) נאָך דריי, הער מאיאר.

חבר עקס: גיכער, צום טייוול! (שטופּט זיי אונטער) (דאָס חזרט זיך איבער עטלעכע מאָל. נאָכן פינפטן ארון טוט דער רוס א ווונק צו חבר עקס).

חבר עקס: וויפיל נאָך, ווי לאַנג נאָך וועל איך דאָ שטיין? וויפיל זיינען זיי? (צום דייטש) ביסט טויב?

דייטש: (כאפּט זיך, סאלוטירט) יא, איין מאָמענט.

(לויפט אריין אין צימער. עקס און רוס נאָך אים. אסתר עפנט א טירל אין דיל. עקס טוט אים א שטופּ. דייטש פאלט אריין. דער רוס שפּרינגט נאָך. אין א ווײלע קומט צוריק).

רוס: נאָך א פריצקע.

חבר עקס: (דריקט אים די האַנט) ביסט זייער בראוו, חבר.

— — —

דריטער אַקט

בילד 1

פארטאָג. אויף אַ הויכן שטאק אַ גרויסער צימער מיט אַן איינגעפאלענער וואנט אינמיטן. קענטיק אַז עס זיינען געווען צוויי צימערן. דריי פארבאַריקאדירטע פענצטער, דורכגעבראָכענע לעכער אין די ווענט. אַן אָפענער אריינגאנג צו אַ צווייטן צימער, פון וואנעט סיהערן זיך קרעכצן פון פארוואונדעטע. אַ גרויסער קאסטן געווער. קעסטלעך, בענקלעך. אַ חוץ לייבלס גרופע, געפינען זיך נאָך מענער, אויך אסתר, רבקה און פרוי. אייניקע וויינען באנדאזשירט. איבערן גאנצן צימער, נעבן יעדן, געווער פון פארשיידענע סארטן. אסתר טיילט ברויט יעדן. גייט אריין אין צווייטן צימער. אלע עסן.

אסתריס שטים: דאקטאר, ווער פון זיי קען האָבן ברויט?

דאקטאריס שטים: א דאנק, גיב זיי. ער וועט אליין ניט וועלן.

אסתריס שטים: אחוץ זיינע יסורים, וועט ער דאָך אויסגיין פון הונגער.

דאקטאריס שטים: ס'איז נישט זיין שולד אז מיר האָבן קיין ברויט ניט געהאט פריער. איצט מיט א קויל אין ברוסט, וועט ער נישט עסן.

(אסתר קומט צוריק)

געשרייען: דאקטאר! ס'פרעסט מיך, כ'ווער דערשטיקט (געוויין).

דאקטאריס שטים: שטארק זיך (לויפט אריין) ווי לאנג נאָך, מיינט איר, וועט עס דויערן? כ'פיל די קויל פרעסט זיך צום הארצן. אויב נישט א באלדיקע אפעראציע וועט ער אויסגיין. כאָטש שנייד מיט א האק. און וואו קען ער קריגן אינסטרומענטן? אלץ איז חרוב.

רוס: ער וועט שוין קריגן, געדענקסט? אז מ'מוז, קריגט מען. ער האָט אָנגעגרייט אין צווייטן הויף (קראנקע קרעכצן, שרייען. דאקטאר גייט צו זיי).

אסתר: נאָר די נויט קען געבוירן אזעלכע העלדן!

שלמה: (עסנדיק) אפשר איז דאָס מיין לעצטער מאָלצייט?

אסתר: וואָס רעדט איר, רב שלמה? כ'האָב ברויט נאָך אויף פיר טעג, און איר עסט מער ווי איין מאָל אין פיר טעג. (פויזע)

אַ פרוי: ווי שטיל ס'איז איצט. הלואי וואָלט די נאכט געבליבן אויף אייביק.

אסתר: צו־וואָס? ס'וועט באלד טאָגן, אויף אַן אמתן טאָגן. איצט האָבן מיר פיינט דעם טאָג, ער ברענגט פייער און טויט. אָבער אונדזער טאָג וועט ברענגען ליכט און פרייהייט (גייט צו צו דער פרוי) איר וועט זען, מירן נאָך אלע ליב קריגן דעם טאָג.

לייבל: ס'איז א גוטער סימן. פריער זיינען די נעכט געווען די שרעקלעכסטע. איצטער איז שטיל, זיי האָבן זיך דערשראָקן. אפילו די טאנקען האָבן מורא צו קומען ביינאכט. איז שטיל. איך האָב ליב דעם טאָג. דער עיקר נעכטיקן טאָג האָב איך שטארק ליב געהאט. כ'וועל אים קיינמאָל ניט פארגעסן — 900 פריצעס אוועקגעלייגט! מיר מעגן שטאָלץ זיין אויף אזא טאָג. דער דייטשער ראדיא וועט משונה'דיק שרייען צו דער וועלט: אין קאמף מיט די פארשטונקענע שווינע־יודן זיינען 900 דייטשן געפאלן אין שלאכט.

דוד: אָבער די דייטשן זיינען משוגענע היסטעריקער. מ'וועט זיי אויך נישט גלויבן. ס'איז פראפאגאנדע קעגן יידן. אפילו אונדזער העלדישקייט וועט פארשוויגן ווערן.

לייבל: דאָ האָב איך דעם חשבון. דעם 32־טן טאָג פונם קאמף אין ווארשעווער געטאגראד זיינען 900 דייטשן געפאלן אין קאמף: 460 אין אונדזער ראיאן, 220 אין געגנט פון אייזערנעם טויער, 200 אויף סטאווקע און 25 דייטשן זיינען געממיתט געוואָרן אין איין הויף אויף גענשע. דאָס קען קיינער נישט פארלייקענען, זיי וועלן מוזן גלויבן, די ציפערן זיינען גענוי איבערגעשיקט געוואָרן קיין לאָנדאָן.

רב שלמה: און וויפיל יידן?

לייבל: וואָס מאכט דאָס אויס! בעסער אזוי איידער ווי פריער, גיין ווי שאָף צו דער שחיטה.

דוד: פארוואָס פארשטייט איר נישט, רב שלמה? אודאי פאלן מיר 50 צו איינעם, אָבער אין קאמף, און דערמיט שרייען מיר אויס צו דער וועלט און פאר צוקונפטיקע דורות: פאגראמען און שחיטות אויף יידן וועלן קיינמאָל נישט זיין, נאָר קאמפן, קאמפן יא!...

קראנקער: (שרייט) דאקטאר, דאקטאר, עס פרעסט מיך, איך ווער דערשטיקט (וויינט).

דאקטאר: ער קען נאָך אויסהאלטן העכסטנס א צוויי שעה (ביים פענצטער) ס'וועט באלד טאָגן (קראנקער קרעכצט) אסתר, גיב אים א ביסל וואסער. וואָס קען איך טאָן?

שלמה: (גייט אריין) שטארק זיך, ברודער, שטארק זיך. אז עקס האָט געזאָגט, ער גייט ברענגען, וועט ער ברענגען. ווען נישט ער, וואָלטן

אונדז שוין קיין רפואות אויך נישט געהאָלפן. ער וועט ברענגען.

איינער: דאקטאר, מיין ווונד בלוטיקט.

דאקטאר: (בינדט איבער) דו ביסט מיר די קלענסטע זאָרג. אזוי, איצט וועט ניט בלוטיקן.

רוס: ער וועט קענען שיסן, ער צילט גוט, זעסט די האנט? (ציט ארונטער דעם ארבל) 1, 2, 3, 4 אויפן זעלבן אָרט, זיי געפעלט מיין לינקער אָרם, פיר קוילן! און גיב מיר נאָך אזויפיל פריצעס, וויפיל די האנט קען נאָך אוועקליינן.

לייבל: דאקטאר, אפשר האָבן זיי אין אנדערע ראיאנען מעדיצין, וועל איך צולויפן. כ'בין זייער אומרואיק. עס דויערט צו לאנג.

דאקטאר: וואָס רעדסטו! שוין וואָכן ווי מיר ווערן משוגע צוזעענדיק ווי מ'שטארבט אונדז אויף די הענט, און מיר זיינען הילפלאָז, ווייל מיר האָבן נישט קיין מעדיקאמענטן. אך—כ'האָף ער וועט אדורך — —

אסתר: כ'האָף אזוי, אלע זיינע אונטערנעמונגען זיינען אים געלונגען.

קראנקער: (שרייט מיט לעצטע כוחות).

שלמה: שטארק זיך, האלט אויס, צו להכעיס די דייטשן וועסטו געזונט ווערן.

קראנקער: (שטיקט זיך) כ'קען נישט מער. ענדיקט מיך אָפּ, וואָס לאָזט איר מיך אזוי זיך מאטערן. וואָס ווילט איר פון מיר (וויינט).

(פינצטער)

בילד 2

אַ צימער אין אַ דייטשן שפיטאל. אַ שענקל מיט מעדיקאמענטן און אינסטרומענטן. אַ ביורא־טיש, אויף וועלכן סיברענט אַ רויט עלעקטריש לעמפל. אַ קראנקן־שוועסטער קומט אריין, נעמט אַ קארטע פון טיש, לייענט: יאהאן ווייזער. שטרייכט אויס זיין נאָמען, נעמט די קארטע, לאָזט זיך ארויסגיין. אין טיר פאלט אריין חבר עקס, האלט זיך ביים ברוסט.

שוועסטער: וואָס איז מיט אייך? וואָס האָט פאסירט?

חבר עקס: (בלייבט ליגן אויפן דיל) א דאקטאר, א דאקטאר! כ'קום פון וואך, די פארפלוכטע יידן (ווייזט אויפן הארצן) אָט דאָ. גיכער, א דאקטאר.

שוועסטער: איין מאָמענט (לויפט ארויס דערשראָקן) דר. הילדארף, דר. הילדארף! (חבר עקס פאקט אלץ גיך אין א זעקל, אנטלויפט דורכן פענצטער).

שוועסטער: (הינטערן בינע) אָבער, הער דאקטאר, איר מוזט אים גלייך באהאנדלען. ער איז שווער פארוואונדעט, א קויל אין ברוסט. ער ליגט אין ביורא, ער שטארבט.

דאקטאריס שטים: פיל שטארבן.

שוועסטעריס שטים: אָבער הער דאקטאר הילדארף, איר קענט דאָך נישט לאָזן א דייטשן זעלנער שטארבן אין ביורא.

דאקטאריס שטים: ברענגט אים אהער, וועט ער שטארבן אין בעט.

שוועסטער: ביטע, דאקטאר (עפנט די טיר).

דאקטאר: גוט. וואָס פאר א שטיק זיינען דאָס? האָט איר האלוצינאציעס? וואו איז דער זעלנער?

שוועסטער: (פארלוירן) ער וואר היר... (דערזען דאָס ליידיקע שענקל) (סצענע).

(פינצטער)

בילד 3

דער זעלבער טאָפּעלער צימער אין געטא. סיאיז פריער באגינען. אלע שטייען גרייט מיט געווער ארום די פענצטער און לעכער. דאקטאר זייער נערוועז. אריין און ארויס.

קראנקער: (הוסט) כ'ווער דערשטיקט (גע שרייען).

דאקטאר: מ'קען מער נישט ווארטן. ס'איז א דורכפאל.

אַ פרוי: (קומט ארויף) די קאנאליזאציע־לייטונג אין קעלער האָט געפלאצט. מיר ווערן פארפלייצט אין שמוץ, ראטעוועט אונדז.

(אייניגע מענער לויפן ארויס מיט דער פרוי. פון דער גאס הערט זיך פלוצלונג א טומל, נעקלאפעריי און סאפן פון מאשינען).

פרוי: ס'טאָגט שוין... (רוישן פון עראפלאנען, באמבן־אויפרייסן).

לייבל: זיי זיינען ווייט פון דאנען. ווארט.

שלמה: (צו דער ביקס) די פינפטע וואָך ארבעט איך מיט איר. חבר קלעפפיש, דיין ירושה איז אונדז הייליק, יעדע קויל נעמט נקמה פאר דיין לעבן.

פרוי: פינף וואָכן — און ס'טאָגט שוין ווידער — — —

(אייניגע פרויען און קינדער קומען ארויף אויסגעוווייקטע אין שמוץ, אריינגעפירט פון די מענער).

דוד: איר בלייבט דאָ, די איבעריקע וועלן

מיר באזאָרגן אין אנדערע שטאקן (לויפט ארויס).

שלמה: וואו איז מיין אלטע ? (אלע שווייגן) זאָגט מיר, וואו איז מיין אלטע. דוד ! דוד ! (לאָזט זיך לויפן).

לייבל: ש. ווארט ביז ער וועט קומען. ער וועט זי אהער ארויפפירן.

א פרוי: (קוקט זיך איבער מיט די איבעריקע פרויען) זי וועט שוין אהער נישט קומען.

שלמה: וואָס ? וואָס זאָגט איר ?

פרוי: זי איז נעבעך געבליבן אין קעלער. געקלעטערט אויף די גלייבע ווענט. אזא טויט...—

שלמה: (צעוויינט זיך. זאָגט קדיש. רייסט זיין רעקל. לויפט צו זיין פריערדיקן אָרט, נעמט די ביקס אין האנט).

דוד: אלע רערן געפלאצט. דער גאנצער קעלער איז פארפליצט. א סך זיינען דערטרונקען. אנדערע מאטערן זיך. דאקטאר, קומט ! (אָפּ) (רוישן פון עראָפּלאנען דערנענטערן זיך. נאָך א ווײלע, אויפרייסן).

לייבל: עס ברענט. צינד־באָמבעס. וואלינסקי גאס ווייזט אויס, ברענט. (ס'הערן זיך שאָסן) דאָס ענטפערן אונדזערע. איר זעט די מלחמה וואָס מיר פירן מיט היטלערן. עראָפּלאנען, טאנקען, באָמבעס האָט ער געמוזט ברענגען (הארמאטן שאָסן). זיי דערנענטערן זיך, זייט גרייט.

דוד: (קומט צו לויפן מיט אנדערע) מער קענען מיר נישט ראטעווען. די שמוץ איז איבערן האלדז, דער גאנצער הויף וועט פארגאָסן ווערן. (די שיסעריי און אויפרייסן דערנענטערן זיך).

(אסתר ווישט און רייניקט די פרויען).

אסתר : עס הויבט זיך אָן. (פרויען וויינען) (פון גאָס שטארקע שיסעריי).

לייבל: (שרייט אריבער די שיסעריי) צילט, פייער ! (אלע שיסן ארויס. ס'הערן זיך קולות פון זייטשן) גוט, פילט אויך א קויל אין ברוסט !

שלמה: (שיסט) ס'איז גוט, הא ? שטארבט, שטארבט !

צוויי יינגלעך: (לויפן אריין אָן אטעם) די גאנצע וואלינסקי ברענט. דאָס פייער צעשפרייט זיך. מיר האָבן געביטן פאזיציעס, מיר דארפן קוילן.

אסתר: (נעמט ארויס פון קאסטן דריי פעקלעך. גיט זיי) לויפט, גיך ! (אָפּ)

שלמה: (מיטן גאנצן כוח) כ'האָף אז יעדע קויל טרעפט. רבונו של עולם, פיר מיינע קוילן אין הארצן פון די רוצחים !

לייבל : גוט, רב שלמה, פייער ! וויפיל איר קענט ! (שטארקע שיסעריי) אסתר, קוילן ! (זי דערלאנגט אלעמען).

רוס: א האנט־גראנאט, גיך ! (אסתר דערלאנגט. ער שליידערט עס ארויס) כא־כא, נאָך איינעם.

חבר עקס : לויפט אריין מיט א פארבלוטיקטן קאָפּ. דערלאנגט דעם דאקטאר דאָס פעקל. אסתר ברענגט וואסער, ליינט אים צום קאָפּ. דאקטאר וויל אים העלפן. אנדערע שיסן).

מ'דארף ניט, ס'איז נאָר א קראַץ. איך האָב אים דערלאנגט א בעסערן. איר ראטעוועט זיי. (נעמט מאשין־ביקס. גייט צום פענצטער. שיסט).

דאקטאר: (פאקט גיך אויף אלץ) גוט, גוט ! (קומט ארויף. ענדערונג אין טאָן) כ'האָב נישט קיין עטער, פארפאלן ! שטארק זיך, כ'מוז ארויסנעמען די קויל. ס'איז נאָך נישט צו שפעט. אסתר, אָדער ניין, רבקה, קום אהער !

חבר עקס: פייער ! (עראָפּלאנען גערויש, באָמבן־אויפרייסן. פלאמען פון נאָענטע בלאקן רייסן זיך צום הימל) בעסטיעס ! ברענט אונדז ! אָבער איר וועט טייער באצאָלן ! אזוי ווי נעכטן — (א שראַפּנעל רייסט א שטיק פענצטער. אלע שפרינגען אָפּ) קוילן ! ! !

(אסתר דערלאנגט. דער ראדיא צינדט זיך אָן).

אסתר: לייבל, דער ראדיא ! !

לייבל: דוד, פארנעם מיין אָרט ! (לויפט צום ראדיא) האלא, איך הער...

ראדיא: אכטונג, אכטונג, גאנץ ניזקע איז צעשמעטערט, טויזנטער קומען אום אין פלאמען (דאָס רויטע לעמפּל פון ראדיא לעשט זיך אויס).

לייבל: האלא, האלא ! צעשמעטערט. אודאי געפאלן ביים ראדיא. מיר האָבן שוין קיין פארבינדונג אויך נישט (שליידערט אוועק דעם ראדיא) כ'דארף דיך מער נישט !...

חבר עקס: גאז ! זיי נוצן גאז־באָמבעס (הוסטן) וואָס איז ?

לייבל: (הוסט) אויס ! מיר קענען זיי שוין מער נישט העלפן (הוסט. א שראַפּנעל טוט א קנאַק. פרויען וויינען).

פרוי: (שרייט משוגעדיק) זעט דאָס גיהנום! די גאנצע וועלט איז איין גרויס גיהנום. זאָל ברענען, ברענען ! ! ! (בלייבט אָפּגעהאקט, פאלט) (שלמה פאלט, שארט זיך אוועק פון פענצטער).

שלמה: (מיט די לעצטע כוחות) איך שטארב, שטייט נישט אָפּ ! שיסט ! איך שטארב אָן ווידוי, פאר מיינע זינד בין איך שוין לאנג אָפּגעקומען. שיסט ! נקמה ! (פאלט טויט).

דאקטאָריס שטים: כ'האָף ער וועט אויסהאלטן. זעקס מילימעטער פון הארצן.

(שטארקע פלאמען מיט רויך זעצן זיך דורכן פענצטער).

לייבל: אונדזער בלאק ברענט ! ! ! אלע א שטאק נידעריקער.

(א שטארקע באוועגונג. מ'נעמט צוזאמען ס'געווער און אלץ. דער פייער שטארקט זיך) (עקס און רוס האלטן אין איין שיסן ביים פענצטער).

חבר עקס : גיכער, פארנעמט אלץ !

דאקטאר: כ'קען זיי נישט רירן. איך בלייב דאָ מיט זיי.

(אין דעם מאָמענט — א קנאַל פון א באָמבע. די גאנצע קאנסטרוקציע ווערט צעשמעטערט. אלע פאלן, אחוץ אסתר).

אסתר : (קומט צו זיך) לייבל, לייבל, חבר עקס, רב שלמה, דוד ! ! ! אלע ? אלע ? (לויפט ארום צו אלע טויטע) לייבל (וויינט) ניין ! ניין ! ! מיר האָבן פארלאָרן די בעסטע, אָבער נאָך נישט דעם קאמף ! (כאפּט א ביקס, לויפט צום פענצטער, שיסט) די מלחמה גייט אָן ! ! !

סוף

די גאנצע הכנסה גייט לטובת דעם דרום אפריקאנער יידישן מלחמה פאנד.

עס איז פארבאָטן צו נוצן דעם מאטעריאל אָן דער דערלויבעניש פון מחבר

צייכנונג פון ר. שאפשאק

Issued by the Jewish Board of Deputies, Commercial House, Johannesburg. Printed by Prompt P. & P. Co., 94 Harrison Street, Johannesburg.